STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09729

IN DER HEYM UN IN SHUL

Y. Kaminski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. קאַמינסקי

אין דער היים און אין שול

א לערנביכל פאַר אָנהייבערס

אילוסטרירט פון שיינע קנאָרינג

אַרויסגעגעבן פון
בילדונגס-קאָמיטעט פון אַרבעטער-רינג

Copyright 1951, by the
EDUCATIONAL COMMITTEE OF THE WORKMAN'S CIRCLE
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.





א

ב

בֿ ג ד

ה ו ז ח

ט י כּ כ ך

ל מ ם נ ן ס

ע פּ פֿ ף צ ץ

ק ר ש שׂ תּ ת

3





עטעלע

אַרעלע



די מאַמע דער טאַטע

די מאַמע

דער טאַטע



עטעלע



אַרעלע

זעט, אַלע, זעט.

זע נאָר, עטעלע.

זע נאָר, אַרעלע.

זע נאָר, מאַמע.

זעט נאָר, זעט!

זעט אַלע, זעט!

דער טאַטע קומט



די מאַמע קוקט,
עטעלע קוקט,
אַרעלע קוקט. אַלע קוקן.
די מאַמע זעט,
דער טאַטע קומט.
עטעלע זעט,
דער טאַטע קומט.
אַרעלע זעט,
דער טאַטע קומט.
ער קומט! ער קומט!



דער טאַטע טראָגט עפּעס

אַרעלע זעט,
דער טאַטע טראָגט עפּעס.
עטעלע זעט,
דער טאַטע טראָגט עפּעס.
די מאַמע זעט,
דער טאַטע טראָגט עפּעס.
וואָס טראָגט דער טאַטע, עטעלע?
וואָס טראָגט דער טאַטע, אַרעלע?
מאַמע, וואָס טראָגט דער טאַטע?
עטעלע קוקט, אַרעלע קוקט,
די מאַמע קוקט, אַלע קוקן.

וואָס טראָגט דער טאַטע?

דער טאַטע טראָגט אַ קעסטעלע.
— „טאַטע, וואָס איז אין קעסטעלע?"
— פֿרעגט עטעלע.
— „טאַטע, וואָס איז אין קעסטעלע?"
— פֿרעגט אַרעלע.
— „וואָס איז אין קעסטעלע?" —
פֿרעגט די מאַמע.
— „וואָס, טאַטע, וואָס?
זאָג!
זאָג וואָס איז אין קעסטעלע?"



טרעפּט וואָס איז אין קעסטעלע!

דער טאַטע לאַכט.
ער לאַכט און זאָגט:
—„טרעפּט וואָס איז אין קעסטעלע.
מאַמע, וואָס איז אין קעסטעלע?
עטעלע, וואָס איז אין קעסטעלע?
אַרעלע, וואָס איז אין קעסטעלע?
טרעפּט! טרעפּט!‟
עטעלע קוקט, זי קוקט און קוקט.
אַרעלע קוקט, ער קוקט און קוקט.
די מאַמע קוקט, זי קוקט און קוקט.
אַלע קוקן.



אַ קעסטעלע מיט קלעצלעך

עטעלע זאָגט: — „עס איז ביכלעך".
אַרעלע זאָגט: — „עס איז שיכלעך".
די מאַמע זאָגט: — „עס איז היטעלעך."
ביכלעך? שיכלעך? היטעלעך?
וואָס, וואָס איז אין קעסטעלע?
זאָגט דער טאַטע און ער לאַכט:
— „עס איז ניט קיין ביכלעך.
עס איז ניט קיין שיכלעך.
עס איז ניט קיין היטעלעך.
עס איז אַ קעסטעלע מיט קלעצלעך.



קלעצלעך צו בויען
אַ הויז

עס איז אַ קעסטעלע
מיט אַ סך, אַ סך קלעצלעך
צו בויען אַ הויז.
„ווילסטו, עטעלע, בויען אַ הויז?
ווילסטו, אַרעלע, בויען אַ הויז?“
עטעלע זאָגט: — „יאָ, טאַטע,
איך וויל בויען אַ הויז.“
אַרעלע זאָגט: — „יאָ, טאַטע,
איך וויל בויען אַ הויז
מיט אַ סך קלעצלעך.“



אַ הויז מיט אַ טיר
און מיט פֿענצטער פֿיר

דער טאַטע גיט עטעלען קלעצלעך.
דער טאַטע גיט אַרעלען קלעצלעך.
עטעלע בויט אַ הויז מיט אַ טיר.
אַרעלע בויט אַ הויז מיט אַ טיר.
עטעלע בויט אַ הויז
מיט פֿענצטער פֿיר.
אַרעלע בויט אַ הויז
מיט פֿענצטער פֿיר.
עטעלע בויט אַ הויז מיט אַ דאַך,
אַרעלע בויט אַ הויז מיט אַ דאַך.

אַ לידעלע

אָט איז אַ פֿענצטער,
אָט איז אַ טיר,
איך בוי אַ הויז
פֿאַר דיר און פֿאַר מיר.

פֿאַר דיר און פֿאַר מיר

עטעלע מאַכט אַ בעטעלע,
אַרעלע מאַכט אַ טישעלע.
עטעלע זאָגט:
— „דאָס בעטעלע איז פֿאַר מיר,
דאָס טישעלע איז פֿאַר דיר.“
אַרעלע זאָגט:
— „דאָס טישעלע איז פֿאַר מיר,
דאָס בעטעלע איז פֿאַר דיר,
אַ בעטעלע פֿאַר עטעלען.“



קעצעלע־קיצי
הינטעלע־מיצי

עטעלע האָט אַ קעצעלע,
אַרעלע האָט אַ הינטעלע.
דאָס קעצעלע איז קליין.
דאָס קעצעלע איז שיין.
דאָס הינטעלע איז קליין.
דאָס הינטעלע איז שיין.

עטעלע האָט ליב דאָס קעצעלע,
אַרעלע האָט ליב דאָס הינטעלע.
עטעלע רופֿט דאָס קעצעלע קיצי,
אַרעלע רופֿט דאָס הינטעלע מיצי.

אַלע לויפֿן, אַלע שפּרינגען

דאָס קעצעלע־קיצי
האָט ליב עטעלען,
דאָס הינטעלע־מיצי
האָט ליב אַרעלען.
עטעלע לויפֿט, אַרעלע לויפֿט.
לויפֿט עטעלע, — לויפֿט קיצי,
לויפֿט אַרעלע, — לויפֿט מיצי.
אַלע לויפֿן.
עטעלע שפּרינגט, אַרעלע שפּרינגט.
שפּרינגט עטעלע, — שפּרינגט קיצי,
שפּרינגט אַרעלע, — שפּרינגט מיצי.
אַלע שפּרינגען.

אַ לידעלע

לויף און שפּרינג,
שפּרינג און לויף.
לויף און שפּרינג
אויפֿן הויף.

אויפֿן הויף
קינדער פֿיל.
פֿריילעך זײַן
ווערט די שפּיל.

אויפֿן הויף
איז די שפּיל, —
קינדער, קינדער
אַזוי פֿיל!



וואו איז קיצי?
וואו איז מיצי?

עטעלע זעט: ניטאָ דאָס קעצעלע.
אַרעלע זעט: ניטאָ דאָס הינטעלע.
רופֿט עטעלע: — „קיצי, קיצי!“
רופֿט אַרעלע: — „מיצי, מיצי!“
וואו איז קעצעלע־קיצי?
וואו איז הינטעלע־מיצי?
זיי זוכן קעצעלע־קיצי,
זיי זוכן הינטעלע־מיצי.
עטעלע זוכט דאָס קעצעלע אין גאַס, —
ניטאָ דאָס קעצעלע אין גאַס,
אַרעלע זוכט דאָס הינטעלע אין גאַס, —
ניטאָ דאָס הינטעלע אין גאַס.
עטעלע זוכט דאָס קעצעלע אין הויף,
אַרעלע זוכט דאָס הינטעלע אין הויף,
ניטאָ דאָס קעצעלע אין הויף,
ניטאָ דאָס הינטעלע אין הויף.



ניטאָ קיצי, ניטאָ מיצי

די קינדער זוכן אין פּאַרק.
עטעלע זוכט דאָס קעצעלע אין פּאַרק,
אַרעלע זוכט דאָס הינטעלע אין פּאַרק.
זעט עטעלע אַ באַנק,
זעט אַרעלע אַ באַנק.
זיי קוקן אויף דער באַנק,
זיי קוקן אונטער דער באַנק, —
ניטאָ דאָס קעצעלע
אויף דער באַנק,
ניטאָ דאָס קעצעלע
אונטער דער באַנק.
וואו איז דאָס קעצעלע?
וואו איז דאָס הינטעלע, וואו?



מיצי זיצט אונטערן בוים

זעט עטעלע אַ בוים,
זעט אַרעלע אַ בוים.
זעט עטעלע,
דאָס קעצעלע זיצט אויפֿן בוים.
קוקט אַרעלע אונטערן בוים, —
זעט אַרעלע
דאָס הינטעלע זיצט
אונטערן בוים
און קוקט אויפֿן קעצעלע
וואָס זיצט אויפֿן בוים.
לאַכט עטעלע צום קעצעלע,
לאַכט אַרעלע צום הינטעלע.
זיי לאַכן און לאַכן.



זיי גייען אַהיים

עטעלע שרייַט צום קעצעלע:
—„שפּרינג אַראָפּ, קיצי, פון בוים!"
אַרעלע שרייַט צום קעצעלע:
—„שפּרינג אַראָפּ, קיצי, פון בוים!"
דאָס קעצעלע שפּרינגט אַראָפּ
פון בוים און קוקט אויף עטעלען,
און קוקט אויף אַרעלען,
און קוקט אויפן הינטעלע.
עטעלע נעמט דאָס קעצעלע־קיצי,
אַרעלע נעמט דאָס הינטעלע־מיצי
און זיי גייען אַהיים.
עטעלע גייט אַהיים.
אַרעלע גייט אַהיים.



אין דער היים

1

די מאַמע זעט, עטעלע קומט.
די מאַמע זעט, אַרעלע קומט.
זאָגט די מאַמע:
— „קומט, קינדער, עסן,
קומט אַלע צום טיש עסן.‟
דער טאַטע זעצט זיך צום טיש,
די מאַמע זעצט זיך צום טיש,
עטעלע זעצט זיך צום טיש,
אַרעלע זעצט זיך צום טיש.
דער טאַטע עסט ברויט
מיט פּוטער און קעז.

2

די מאַמע עסט ברויט
מיט פּוטער און קעז.
טעלע און אַרעלע עסן ברויט
מיט פּוטער און קעז.
דער טאַטע טרינקט מילך,
די מאַמע טרינקט מילך,
טעלע און אַרעלע טרינקען מילך.
אויפֿן טיש איז דאָ עפּל,
אויפֿן טיש איז דאָ באַרן.
טעלע האָט ליב עפּל
אַרעלע האָט ליב באַרן.
אַלע עסן עפּל און באַרן.

אַ לידעלע

עפּל, עפּל, רויט און פריש,
עפּל, עפּל אויפֿן טיש.
עפּל, עפּל, פֿריש און רויט
עסן, עסן מיר מיט ברויט.

צוויי לידעלעך

1

איך האָב ליב מילך,
איך האָב ליב קעז,
איך האָב ליב ברויט מיט פּוטער.
איך האָב ליב עפּל,
איך האָב ליב באַרן, —
נאָר מער פֿון אַלץ מײַן מוטער.

2

ברויט מיט פּוטער,
ברויט מיט פּוטער, —
גיב מיר ברויט מיט פּוטער.
ברויט פֿאַר דיר,
ברויט פֿאַר מיר,
און ברויט אויך פֿאַר מײַן מוטער.

קיצי און מיצי ווילן אויך עסן

דאָס קעצעלע קוקט ווי אַלע עסן.
דאָס הינטעלע קוקט ווי אַלע עסן.
און דאָס קעצעלע וויל אַזוי עסן!
און דאָס הינטעלע וויל אַזוי עסן!
גיט עטעלע קיצין מילך,
אַ פֿול שיסעלע מילך.
דאָס קעצעלע האָט ליב מילך.
קיצי לעקט די מילך פֿון שיסעלע.
זי לעקט די מילך און זאָגט:
„מיאַו, מיאַו, עטעלע איז אַ גוטע,
זי גיט מיר מילך אַ פֿול שיסעלע.
איך האָב עטעלען ליב, מיאַו, מיאַו!"
אַלע קוקן ווי קיצי
לעקט פֿון שיסעלע די מילך
און זיי לאַכן.

מיצי האָט ליב ברויט מיט פּוטער

אַרעלע גיט דעם הינטעלע
ברויט מיט פּוטער.
דאָס הינטעלע האָט ליב
ברויט מיט פּוטער.
מיצי עסט דאָס ברויט מיט פּוטער
און זאָגט: „האַוו, האַוו! אַרעלע
איז אַ גוטער.
האַוו, האַוו! איך האָב אַרעלען ליב.
ער גיט מיר ברויט מיט פּוטער.״
אַלע קוקן ווי מיצי עסט
ברויט מיט פּוטער און זיי לאַכן.
אַלע לאַכן און עס איז פֿריילעך.



אין שול

1

עטעלע איז אין שול.
אַרעלע איז אין שול.
ניסעלע איז אין שול.
זיסעלע איז אין שול.
דער לערער זאָגט:
— „לאָמיר זינגען אַ לידעלע.
לאָמיר אַלע זינגען,
לאָמיר אַלע זינגען אַ לידעלע,
אַ לידעלע.“
און דער לערער מיט די קינדער
זינגען:

קינדער, קינדער
קומט אין שול.
פֿול מיט קינדער
איז די שול.

די שול איז אָפֿן,
אָפֿן די טיר,
און דער לערער
וואַרט אויף דיר.

אויפֿן טישל
ליגט אַ בוך,—
נעם און עפֿן,
נעם און זוך.

פֿול דאָס ביכל
איז מיט רייד.
פֿול דאָס ביכל
איז מיט פֿרייד.



2

נאָכן זינגען זאָגט דער לערער:

— „זעט, קינדער, זעט.

אָט איז אַ ביכל,

אָט איז נאָך אַ ביכל,

אַ ביכל פֿאַר יעדן קינד.

אין די ביכלעך זײַנען דאָ

אַ סך, אַ סך בילדער.

אָט איז אַ בילד פֿון אַ בוים מיט עפּל,

און אָט איז אַ בילד פֿון אַ בוים

מיט באַרן. איר זעט, קינדער?



און אָט איז אַ בילד פֿון אַ בעקער,
באַקט ער ברויט און זעמל.
און אָט איז אַ שוסטער,
מאַכט ער אַ שוך,
און אָט איז אַ ייִנגל,
טראָגט ער אַ בוך.
נעמט, קינדער די ביכער פֿון מיר."
לויפֿן די קינדער גיכער און גיכער,
און נעמען פֿון לערער די ביכער.
יעדער קינד נעמט פֿון לערער אַ ביכל.
קוקן די קינדער אין די ביכלעך,
קוקן די קינדער אויף די בילדער.
די קינדער גייען אַהיים
מיט די ביכלעך.
יעדער קינד גייט אַהיים
מיט אַ ביכל.

קינדער שפּילן זיך אין גאַס

די מאַמע זעט, די קינדער קומען.
זי זעט, די קינדער קומען פֿון שול.
שטעלט די מאַמע אויפֿן טיש
אַ פֿלאַש מילך.
זי שטעלט פֿאַר יעדן קינד אַ גלאָז,
זי גיט יעדן קינד אַ קיכל
און אַ גלאָז מילך.
די קינדער טרינקען די מילך
און זיי עסן די קיכלעך.
נאָכן עסן גייען זיי אַרויס אין גאַס.
אין גאַס זײַנען דאָ אַ סך קינדער.
די קינדער שפּילן זיך אין גאַס.
עטעלע און אַרעלע האָבן ליב
זיך צו שפּילן מיט קינדער אין גאַס.

אַ לידעלע

קינדער, קינדער
קומט אַלע אין גאַס.
לאָמיר זיך שפּילן
און האָבן פֿיל שפּאַס.

אַלע וואָס ווילן
אין ראָד קומט אַרײַן.
לאָמיר זיך דרייען
ראָד־אויס און ראָד־אײַן.

אַרײַן און אַרויס!
אַרויס און אַרײַן!
אײַ וועט עס פֿריילעך,
פֿריילעך דאָ זײַן!





שניי! שניי!

1

אויפֿן גאַס ליגט אַ שניי.
דער שניי איז ווײַס און ווייך.
דער שניי רופֿט די קינדער זיך שפּילן:
„זעט, קינדער,
איך בין ווײַס און ווייך.
נעמט די שליטעלעך
און קומט זיך שליטלען.
קומט זיך שליטלען מיט די שליטלעך.
נעמט די גליטשערס
און קומט זיך גליטשן.
קומט זיך גליטשן,
קומט זיך שליטלען.“

2

קומען קינדער אַרויס פֿון די הײַזער
מיט גליטשערס, מיט שליטעלעך.
שליטלען זיך קינדער
אויף שליטעלעך,
גליטשן זיך קינדער אויף גליטשערס
און עס איז פֿריילעך.

אַ לידעלע

ווײַס און ווייך, ווייך און ווײַס
ליגט דער שניי אומעטום.
און אויף שליטעלעך גיך
יאָגן קינדער זיך אום.

ווייך און ווײַס, ווײַס און ווייך
אומעטום ליגט דער שניי.
פֿול און פֿול איז די גאַס,
פֿול מיט פֿרייד און געשריי.



הײַנט װעלן מיר גײן אין שול

אַרעלע זאָגט צו עטעלען:
— „לאָמיר הײַנט ניט גײן אין שול.
לאָמיר גײן זיך גליטשן."
— „נײן!" — זאָגט עטעלע,
— „הײַנט װעלן מיר גײן אין שול,
מיר װעלן זיך שליטלען מאָרגן.
מאָרגן איז אַ יום־טובֿ.
מיר לערנען ניט מאָרגן אין שול,
הײַנט װעלן מיר גײן אין שול.

הײַנט וועט דער לערער דערציילן
אַ מעשה. איך האָב ליב צו הערן
ווי דער לערער דערציילט אַ מעשה.״
און עטעלע און אַרעלע
גייען אין שול.



צוריק אין שול

1

אין שול זיצט דער לערער
און וואַרט אויף די קינדער.
דער לערער זעט
די קינדער קומען און ער זאָגט:
—„זעצט זיך, קינדער.״
זעצן זיך די קינדער.
זיי קוקן אויפֿן לערער און וואַרטן
וואָס דער לערער וועט איצט טאָן.

2

— „איצט", — זאָגט דער לערער,
— „מאָלט אויפֿן טאָוול בילדער.
אונטער יעדן בילד שרײַבט ווערטער,
שרײַבט גרויסע ווערטער."
און דער לערער פֿרעגט:
— „ווער וויל מאָלן אויפֿן טאָוול
אַ קעצעלע וואָס זיצט
אויף אַ טעצעלע?"
זאָגט עטעלע, זי וועט מאָלן
אַ קעצעלע וואָס זיצט
אויף אַ טעצעלע.



און עטעלע מאָלט א קעצעלע
וואָס זיצט אויף אַ טעצעלע,
און אונטערן קעצעלע שרײַבט זי
ווערטער, גרויסע ווערטער:

קיץ, קאַץ, קעצעלע,
זיצט,
זיצט,
זיצט,
זיצט אויף אַ טעצעלע.

אַ לידעלע

קיצי, קאַץ, קעצעלע,
זיצט אויף אַ טעצעלע,
לעקט פֿון אַ שיסעלע,
וויל נאָך אַ ביסעלע.

3

—„און איצט“, — פֿרעגט דער לערער,
—„ווער וויל מאָלן אויפֿן טאָוול
אַ ציגעלע וואָס גיט מילך
אַ פֿול קריגעלע?“
זאָגט אַרעלע, אַז ער וועט מאָלן
אויפֿן טאָוול אַ ציגעלע
וואָס גיט מילך אַ פֿול קריגעלע.
און אַרעלע מאָלט אויפֿן טאָוול
אַ ציגעלע וואָס גיט מילך אַ קריגעלע,
און אונטערן ציגעלע שרײַבט ער
ווערטער, גרויסע ווערטער:

4

אַזוי מאָלן די קינדער אויפֿן טאָוול.
זיי מאָלן בילדער
און אונטער יעדן בילד שרײַבן זיי
גרויסע ווערטער.

דער לערער זאָגט:
— „נו, קינדער, איר האָט געמאָלן,
איר האָט געשריבן,
איצט וועלן מיר זינגען.
הײַנט איז חנוכּה,
וועלן מיר זינגען חנוכּה־לידלעך."
און דער לערער מיט די קינדער זינגען:

עס ברענט אַ ליכטעלע און שײַנט,
עס איז חנוכּה, חנוכּה הײַנט.
עס איז ליכטיק, וואַרעם און שיין,—
קינדער, לאָמיר אַ טענצעלע גיין.



5

געפֿעלט די קינדער דאָס לידל
און זיי זינגען עס נאָך אַ מאָל.
—„און אָט איז נאָך אַ לידעלע“, —
זאָגט דער לערער און זיי זינגען:

לאָמיר, לאָמיר אַלע ייִדן,
זײַן מיט חנוכּה צופֿרידן.
אַזאַ יום־טובֿ, אַזאַ שיינער
איז בײַ ייִדן דאָ נאָר איינער.
זעט נאָר זעט די ליכטלעך אַכט,
ווי זיי שײַנען אין דער נאַכט.

אויך דאָס לידעלע געפֿעלט
די קינדער, זינגען זיי עס נאָך אַ מאָל
און נאָך אַ מאָל.



6

נאָכן זינגען צינדט אָן דער לערער
אַ חנוכּה־לעמפּל,
ער גיט די קינדער דריידלעך,
ער גיט די קינדער חנוכּה־געלט
און ער דערציילט אַ חנוכּה־מעשׂה:
אַ מעשׂה פֿון אַ ייִנגעלע דאַני.
„אַמאָל איז געווען
אַ קליין ייִנגעלע דאַני.
חנוכּה צום ערשטן ליכטל,
שטייט דאַני און קוקט
ווי דער טאַטע צינדט אָן אַ ליכטל
אין חנוכּה־לעמפּל. זאָגט דאַני:

—„טאַטע, לאָז מיך אָנצינדן
אַ ליכטל.״ זאָגט דער טאַטע:
—„דו ביסט אַ קליין יינגעלע, דאָני,
דו קענסט דאָס לעמפּל
ניט דערלאַנגען.״
זאָגט דאָני:
—„לאָז מיך, טאַטע, לאָז מיך.״
גיט דער טאַטע דאָנין אַ ליכטל
און לאָזט אים אָנצינדן
דאָס חנוכּה־לעמפּל.
נאָר דאָני איז קליין און ער
קען ניט דערלאַנגען דאָס לעמפּל.
עס איז געקומען דער אַכטער
טאָג חנוכּה. דער טאַטע
שטעלט דאָס חנוכּה־לעמפּל
אויף אַ קליין בענקעלע,
ער רופֿט צו דאָנין און ער זאָגט:
—„נאַ, דאָני, יינגעלע, צינד אָן
די אַכט ליכטלעך.״



דאָני נעמט דאָס ליכטל פֿון טאַטן,
ער גייט צו צום לעמפּל, ער צינדט אָן
די ליכטלעך און ער רופֿט:
— „מאַמע! מאַמע!
איך בין שוין אַ גרויסער.
פֿון ערשטן חנוכּה־ליכטל ביזן אַכטן
בין איך אויסגעוואַקסן. דו זעסט,
איך קען שוין דערלאַנגען
דאָס חנוכּה־לעמפּל.״
— „יאָ, יאָ, מײַן דאָני״ —
זאָגט די מאַמע, —

„קינדער וואַקסן,
ווען זיי שלאָפֿן
גוט בײַ נאַכט.”
און די מאַמע
האָט געלאַכט,
און דער טאַטע האָט געלאַכט.
און דאַני, אַ פֿריילעכער,
זעצט זיך שפּילן אין דריידל.”

7

נאָך דער חנוכּה־מעשה זאָגט
דער לערער:
נו, געננוג הײַנט. גייט אַהיים איצט,
נעמט מיט זיך די דריידלעך,
און האָט אַ גוטן יום־טובֿ.”
— „אַ גוטן יום־טובֿ, לערער!
אַ גוטן יום־טובֿ!” — זאָגן די קינדער
און זיי גייען אַהיים,
יעדער קינד צו זיך אַהיים.

חנוכּה אין דער היים

1

עטעלע און אַרעלע קומען אַהיים
און זיי דערציילן:
„דער לערער האָט מיט אונדז
געזונגען שיינע לידער.
דער לערער איז אַ גוטער.
ער האָט אונדז געגעבן דריידלעך,
ער האָט אונדז געגעבן חנוכּה־געלט,
ער האָט דערציילט אַ שיינע מעשׂה
פֿון אַ יִנגל דאָני.
עס איז גוט צו גיין אין שול,
עס איז גוט זיך צו לערנען.“
אין דער היים איז וואַרעם.
אין דער היים איז ליכטיק.
אויפֿן פֿענצטער שטייט
אַ חנוכּה־לעמפּל.
אין חנוכּה־לעמפּל שטייט אַ ליכטל.
דער טאַטע צינדט אָן דאָס ליכטל
און אַלע זינגען אַ חנוכּה־לידל:

דער טאַטע האָט אין לעמפּעלע
געצונדן ליכטלעך אַכט.
די מאַמע האָט פֿון קיך אַרויס
די לאַטקעלעך געבראַכט.
די קינדער האָבן פֿריילעכע
די דריידלעך גיך געדרייט, —
עס האָט דער יום־טובֿ חנוכּה
געבראַכט אַזוי פֿיל פֿרייד.

2

דער טאַטע גיט די קינדער
חנוכּה־געלט, די מאַמע טראָגט אַרײַן
פֿון קיך לאַטקעס. אַלע זעצן זיך
צום טיש און עסן לאַטקעס.
נאָכן עסן נעמט די מאַמע אַלץ
אַראָפּ פֿון טיש.
עטעלע קומט אַרײַן אין קיך
און זאָגט:
— „מאַמע, מאַמע! איך וויל דיר
העלפֿן. איך וויל דיר העלפֿן
טאָן די אַרבעט.“

איז די מאַמע צופֿרידן
און זי זאָגט:
— „יאָ, מײַן קינד,
דו קענסט מיר העלפֿן.
אַ גוט מיידעלע העלפֿט דער מאַמען.
איך וועל וואַשן און דו וועסט ווישן."
די מאַמע וואַשט און עטעלע ווישט
מיט אַ האַנטעך. זי ווישט מיטן
האַנטעך און זינגט אַ לידעלע:
טעלער, לעפֿל וואַש איך ריין,
און איך וויש זיי אויס אַליין.
שטעל איך אויס זיי אויפֿן טיש.
אַלץ זעט אויס איצט ריין און פֿריש.



אַ לידעלע

זעקס פּיס גייען,
גייען אין אַ ריי.
זעקס פּיס גייען, —
צוויי און צוויי און צוויי.

זיי גייען אין גאַס,
זיי גייען אין הויף.
זיי גייען אַראָפּ,
זיי גייען אַרויף.

אָט גייען זיי שטיל,
אָט גייען זיי גיך, —
דאָס גייט מײַן טאַטע,
מײַן מאַמע און איך.



עטעלע העלפט דער מאַמען

אַלע מאָנטיק וואַשט מײַן מאַמע, —
העלף איך מאַמען וואַשן.
אָט אַזוי און אָט אַזוי
העלף איך מאַמען וואַשן.

אַלע דינסטיק פּרעסט מײַן מאַמע, —
העלף איך מאַמען פּרעסן.
אָט אַזוי און אָט אַזוי
העלף איך מאַמען פּרעסן.

אַלע מיטוואָך נייט מײַן מאַמע, —
העלף איך מאַמען נייען.
אָט אַזוי און אָט אַזוי
העלף איך מאַמען נייען.

אַלע דאָנערשטיק קויפֿט מײַן
מאַמע, —
העלף איך מאַמען קויפֿן.
אָט אַזוי און אָט אַזוי
העלף איך מאַמען קויפֿן.

אַלע פֿרײַטיק ראַמט די מאַמע, —
העלף איך מאַמען ראַמען.
אַט אַזוי און אַט אַזוי
העלף איך מאַמען ראַמען.

אַלע שבת רוט די מאַמע, —
העלף איך מאַמען רוען.
אַט אַזוי און אַט אַזוי
העלף איך מאַמען רוען.

אַלע זונטיק שפּאַצירט מײַן מאַמע, —
העלף איך איר שפּאַצירן.
אַט אַזוי און אַט אַזוי
העלף איך איר שפּאַצירן.

אַרעלע העלפֿט דעם טאַטן

1

אַרעלע זעט ווי עטעלע אַרבעט,
ער זעט ווי זי העלפֿט דער מאַמען.
אַרעלע זעט ווי דער טאַטע אַרבעט.
ער זעגט אַ ברעט מיט אַ זעג.
ער זעגט די ברעט
אויף דינע ברעטלעך.
אויף קליינע, דינע ברעטלעך.
אויפֿן דיל שטייט אַ קעסטל.
אין דעם קעסטל איז דאָ נעגל
און אַ האַמער.
אַ סך נעגל איז דאָ אין קעסטל.
ער נעמט דעם האַמער און זאָגט:
—„טאַטע, איך וויל דיר העלפֿן,
איך וויל דיר העלפֿן טאָן די אַרבעט.
קען איך דיר העלפֿן?"





2

זאָגט דער טאַטע: — „יאָ, מײַן קינד,
דו קענסט מיר העלפֿן טאָן די אַרבעט.
אַ גוט ייִנגל העלפֿט דעם טאַטן.
איך בוי אַ הײַזעלע מיט אַ דאַך,
איך בוי אַ הײַזעלע מיט אַ דיל,
מיט פֿענצטער און אַ טיר.
איך מאַך אַ קליין הײַזעלע
פֿאַר דײַן שוועסטערס ליאַלקע.
איך מאַך אַ קליין בעטעלע,
איך מאַך אַ קליין טישעלע
און איך מאַך אַ קליין בענקעלע
פֿאַר עטעלעס ליאַלקע.
דו קענסט מיר העלפֿן
בויען דאָס הײַזעלע.

3

דער טאַטע זעגט די ברעט,
אויף דינע ברעטלעך
און ער זינגט אַ לידעלע:
זיג־זאַג, איך זעג אַ ברעט
פֿאַר אַ טיש, פֿאַר אַ בעט,
פֿאַר אַ טיר, פֿאַר אַ דאַך,
עס איז אַ זעג אַ גוטע זאַך!
דער טאַטע זעגט מיט דער זעג
די ברעט אויף דינע ברעטלעך,
און אַרעלע קלאַפּט די נעגל
מיטן האַמער אין די דינע ברעטלעך.
ער קלאַפּט און ער זינגט אויך
אַ לידעלע:
מיט נעגל און זעג,
מיט האַמער און ברעט,
איך מאַך מיר אַ טיש,
אַ בענקל, אַ בעט.
איך בוי מיר אַ הויז
מיט פֿענצטער און דאַך,
און וואָס נאָר איך וויל,
באַלד נעם איך און מאַך.

עטעלעס געבוירן־טאָג

1

דער טאַטע זעגט, אַרעלע קלאַפּט,
ביז עס ווערט פֿאַרטיק אַ הײַזעלע
פֿאַר דער שוועסטערס ליאַלקע.
נאָך דעם מאַכן זיי אַ טישעלע,
די ליאַלקע זאָל האָבן
אויף וואָס צו עסן.
נאָך דעם מאַכן זיי אַ בענקעלע,
די ליאַלקע זאָל האָבן
אויף וואָס צו זיצן.
נאָך דעם מאַכן זיי אַ בעטעלע
די ליאַלקע זאָל האָבן
אויף וואָס צו שלאָפֿן.
קומט אַרײַן עטעלע.
זי קוקט אויפֿן טאַטן, זי קוקט
אויפֿן ברודער און זי רופֿט אויס:
— „אוי, טאַטע, אוי, ברודער!
פֿאַר וועמען זײַנען עס
די אַלע שיינע זאַכן?“

2

–„פֿאַר דיר, עטעלע,“
– זאָגט דער טאַטע, –
„עס איז דאָך הײַנט
דײַן געבוירן־טאָג.“
–„פֿאַר דיר, עטעלע,“
– זאָגט דער ברודער, –
„עס איז דאָך הײַנט
דײַן געבוירן־טאָג.“
שטייט עטעלע און קוקט
אויף די אַלע שיינע זאַכן.



3

—„מאַמע! מאַמע!
קום נאָר אַהער!״—
רופֿט זי פֿריילעך די מאַמע,
„קום, זע נאָר וויפֿל שיינע זאַכן
דער טאַטע און אַרעלע
האָבן מיר געמאַכט!״
קומט אַרײַן די מאַמע און זעט
די אַלע שיינע זאַכן.
זי שמייכלט צום טאַטן,
זי שמייכלט צו אַרעלען,
זי שמייכלט צו עטעלען און זאָגט:
—„אײַ, וויפֿל שיינע זאַכן
פֿאַר עטעלעס געבוירן־טאָג!
איך האָב אויך עפּעס פֿאַר דיר,
עטעלע, וואַרט, מײַן קינד, אַ ביסעלע.״
און זי גייט אַרויס.
באַלד קומט צוריק אַרײַן די מאַמע,
זי טראָגט אַ ליאַלקע:
אַ ליאַלקע אין אַ בלוי, שיין קליידעלע.
זי גיט עס עטעלען און זאָגט:

—„נאַ, מײַן קינד, אַ שײנע ליאַלקע.“
עטעלע נעמט די ליאַלקע
און זאָגט:
—„אַ שײנעם דאַנק דיר, מאַמע.
אַ שײנעם דאַנק דיר, טאַטע.
אַ שײנעם דאַנק דיר, ברודער.
אַ שײנעם דאַנק אײַך
פֿאַר די שײנע זאַכן וואָס איר
האָט מיר הײַנט געגעבן.
אַ שײנעם דאַנק אײַך.“
זי לײגט די ליאַלקע אין בעטעלע.
זי דעקט די ליאַלקע צו.
זי דעקט זי צו און זינגט איר
אַ לידעלע צום שלאָפֿן:

4

עס איז מײַן ליאַלקע קלײן,
עס איז מײַן ליאַלקע שײן.
עס איז מײַן ליאַלקע שטיל,
זי טוט אַלץ וואָס איך וויל.
עס שלאָפֿט מײַן ליאַלקע גוט,
זי שטייט אויף אויסגערוט.
זי טוט אַלץ וואָס איך זאָג
און פֿאָלגט דעם גאַנצן טאָג.



זינגען אַלע דאָס ליד נאָך אַ מאָל.
מען זינגט און מען איז פֿריילעך.
—„ששש, שטילער!"—זאָגט עטעלע,—
„מײַן ליאַלקע שלאָפֿט, שטילער!"
גייען אַלע שטיל אַרויס.

5

— „און איצט,״ — זאָגט די מאַמע,
— „וועט איר, קינדער, טרינקען מילך
און עסן טאָרט. דעם טאָרט
האָב איך געבאַקן
פֿאַר עטעלעס געבוירן־טאָג.
נאָך דעם וועט איר שלאָפֿן גיין, —
עס איז שוין שפּעט.
עס איז שוין שפּעט.
עס איז שוין צײַט צו זײַן אין בעט.
עס איז שוין צײַט!
עס איז שוין צײַט צו שלאָפֿן.״
עטעלע און אַרעלע טרינקען
די מילך און זיי עסן דעם טאָרט.
און זיי טוען זיך אויס.
זיי טוען אויס די שיך,
זיי טוען אויס די זאָקן,
זיי טוען אויס די קליידער.
זיי וואַשן די הענט,
זיי וואַשן דעם פּנים,
זיי וואַשן די ציין און זיי זינגען:

אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט.
שטאַרק די אויגן צוגעמאַכט.
גוט געשלאָפֿן די גאַנצע נאַכט,
אין דער פֿרי זיך אויפֿגעוואַכט, —
אַוועק אין שול אַ זייגער אַכט.



לייגט זיך אַרעלע אין בעט אַרײַן,
לייגט זיך עטעלע אין בעט אַרײַן,
זיי זאָגן אַ גוטע נאַכט דער מאַמען
און זיי זאָגן אַ גוטע נאַכט
דעם טאַטן און זיי שלאָפֿן אײַן.



אין דער פרי

די מאַמע שטייט אויף פֿרי.
דער טאַטע שטייט אויף פֿרי.
עטעלע און אַרעלע שלאָפֿן נאָך.
די מאַמע גייט אַרײַן זיי וועקן.
די מאַמע וועקט זיי פֿון שלאָף.
— „שטיי אויף, עטעלע, שוין שפּעט.
שטיי אויף, אַרעלע, שוין שפּעט.“
כאַפּט זיך עטעלע אויף פֿון שלאָף,
כאַפּט זיך אַרעלע אויף פֿון שלאָף.
עטעלע שפּרינגט אַראָפּ פֿון בעט,
אַרעלע שפּרינגט אַראָפּ פֿון בעט,
און זיי זאָגן:
— „אַ גוט־מאָרגן, מאַמע!
אַ גוט־מאָרגן, טאַטע!“
זיי טוען אָן די שיך, זיי טוען אָן די זאָקן, זיי טוען אָן די קליידער, זיי וואַשן די הענט, זיי וואַשן דעם פּנים און וואַשן די ציין.
עטעלע קעמט זיך די האָר און זינגט, זי זינגט אַ לידעלע צו אַרעלען:



פֿייגעלע, פֿייגעלע, פֿי־פֿי־פֿי!
אַרעלע שטייט אויף זייער פֿרי,
וואַשט זיך שיין און וואַשט זיך ריין,
הענט און פּנים און די ציין.
און ער טוט זיך אָן געשווינד, —
אַרעלע איז אַ טײַער קינד.

טאַטע־מאַמע הערן דאָס לידל און לאַכן. אַלע זעצן זיך צום טיש עסן.
נאָכן עסן זאָגט דער טאַטע
אַ גוטן טאָג און ער גייט אַוועק
צו דער אַרבעט.
אַרעלע און עטעלע זאָגן
אַ גוטן טאָג דער מאַמען
און זיי גייען אין שול.

גייט אַ יינגעלע
גייט אַ מיידעלע
אין שול זיך לערנען יידיש

1

אויפֿן וועג זאָגט אַרעלע צו
עטעלען:
— „שוועסטערל, שוועסטערל,
האָסטו דײַן בלײַפֿעדער גענומען?"
ענטפֿערט עטעלע אַרעלען:
— „יאָ, ברודערל, יאָ, ברודערל,
איך האָב מײַן בלײַפֿעדער גענומען."
זאָגט עטעלע צו אַרעלען:
— „ברודערל, ברודערל,
האָסטו דײַן העפֿט גענומען?"
ענטפֿערט אַרעלע עטעלען:
— „יאָ, שוועסטערל,
איך האָב מײַן העפֿט גענומען."
זאָגט אַרעלע צו עטעלען:
—„אוי, שוועסטערל, שוועסטערל,
איך האָב מײַן ביכל אויפֿן טיש
פֿאַרגעסן, לאָמיר גיין צוריק אַהיים
מײַן ביכל נעמען."

2

זאָגט עטעלע צו אַרעלען:

— „אוי, ברודערל, אוי, ברודערל,
איך האָב אויך מײַן ביכל אויפֿן טיש
פֿאַרגעסן, לאָמיר גיין צוריק אַהיים
מײַן ביכל נעמען.״

גייען זיי צוריק אַהיים.

נעמט אַרעלע זײַן ביכל, נעמט
עטעלע איר ביכל און זיי גייען
אין שול. גייען זיי און גייען.

באַגעגנט זיי אַ קעצל אויפֿן גאַס.

„מיאַו!״ מאַכט דאָס קעצעלע,
„וואוהין גייט אַ מיידעלע, וואוהין
גייט אַ ייִנגעלע?״

ענטפֿערט עטעלע, ענטפֿערט
אַרעלע:

— „אין שול גייען מיר, קעצעלע,
אין שול זיך לערנען ייִדיש, ייִדיש
לייענען, ייִדיש שרײַבן, ייִדיש
ריידן.״

3

„מיאַו!״ – זאָגט דאָס קעצעלע,
„איך וויל אויך גיין אין שול,
איך וויל אויך זיך לערנען ייִדיש.״
לאַכט עטעלע, לאַכט אַרעלע:
– „ניין, דו קענסט ניט גיין אין שול זיך לערנען ייִדיש. דו האָסט ניט קיין העפֿט, דו האָסט ניט קיין בלײַפֿעדער. דו האָסט ניט קיין ביכל. אַ גוטן טאָג דיר, קעצעלע, עס איז שוין שפּעט.״
און זיי גייען אין שול.
גייען זיי און גייען.
באַגעגנט זיי אַ הינטעלע.
„האַוו! האַוו!״ – מאַכט דאָס הינטעלע, „וואוהין גייט אַ מיידעלע, וואוהין גייט אַ ייִנגעלע?״
ענטפֿערט עטעלע, ענטפֿערט אַרעלע:

— „אין שול גייען מיר, הינטעלע,
אין שול זיך לערנען ייִדיש, ייִדיש
לייענען, ייִדיש שרײַבן, ייִדיש
ריידן.“
„האַוו! האַוו!“ — זאָגט הינטעלע,
„איך וויל אויך גיין אין שול, איך
וויל אויך זיך לערנען ייִדיש.“
לאַכט עטעלע, לאַכט אַרעלע:
— „ניין, דו קענסט ניט גיין אין
שול זיך לערנען ייִדיש. דו האָסט
ניט, הינטעלע, קיין העפט, דו האָסט
ניט קיין בלײַפֿעדער, דו האָסט ניט
קיין ביכל. אַ גוטן טאָג דיר,
הינטעלע, ס'איז שוין שפּעט.“
און זיי גייען אין שול.

4

גייען זיי און גייען ביז זיי קומען
אין שול.
אין שול זײַנען שוין דאָ אַ סך
ייִנגעלעך און מיידעלעך. זיי זיצן
אויף די בענקלעך און וואַרטן.
עטעלע זעצט זיך אויף איר אָרט
און וואַרט, אַרעלע זעצט זיך אויף
זײַן אָרט און וואַרט. זיי וואַרטן אַז
מע זאָל שוין לערנען ייִדיש, ייִדיש
לייענען, ייִדיש שרײַבן, ייִדיש ריידן.
זאָגט דער לערער צום קלאַס:
— „לאָמיר אָנהייבן דאָס לערנען
מיט אַ ליד."
הייבט מען אָן דאָס לערנען מיט
אַ ליד. אַלע זינגען:

קומט אַלע,
קומט אַלע,
קומט אַלע אין שול.

די שול איז,
די שול איז
מיט קינדערלעך פֿול.

דער לערער,
דער לערער
וואַרט בײַ דער טיר
און שמייכלט,
און שמייכלט
צו דיר און צו מיר:

— „נעמט ביכער,
נעמט ביכער,
נעמט פּען און פּאַפּיר.
קומט גיכער,
קומט גיכער
זיך לערנען מיט מיר."

טוען מיר,
טוען מיר
אַלץ וואָס ער הייסט.

דערציילט ער,
דערציילט ער
אַלץ וואָס ער ווייסט.

אין שול איז,
אין שול איז
צו לערנען זיך גוט.
ס'איז פֿריילעך,
ס'איז פֿריילעך
דאָ יעדער מינוט.



דער קלאַס שרײַבט בריוו

1

נאָכן זינגען זאָגט דער לערער:
— „הײַנט פֿעלט פֿרײדעלע.
ווער ווייסט פֿאַר וואָס פֿרײדעלע
פֿעלט הײַנט אין שול?
ווער ווייסט פֿאַר וואָס?"

זאָגט ניסעלע אַז ער ווייסט פֿאַר וואָס פֿרײדעלע פֿעלט הײַנט אין שול. זי איז קראַנק. זי ליגט אין בעט. זי האָט נעכטן זיך צעקלאַפּט אַ פּוס. זי האָט זיך זייער שטאַרק צעקלאַפּט דעם פּוס. זי ליגט אין בעט און זי איז קראַנק און זי וועט ניט קענען גיין אין שול.

זאָגט אַרעלע: — „לאָמיר אַלע
קינדער שרײַבן פֿרײדעלען בריוו.
זאָל יעדער קינד איר שרײַבן.
זי איז אַ גוטע מיידל."

געפֿעלט אַלעמען וואָס אַרעלע זאָגט און זיי שרײַבן.

2

שרײַבט אַרעלע:

„טײערע פֿרײדעלע:

איך האָב געהערט אַז דו ביסט קראַנק. װינטש איך דיר אַז דו זאָלסט װערן גיך געזונט און דו זאָלסט קומען צוריק אין שול. מיר זינגען איצט אַ נײַ ליד, אַ שײן ליד. עס איז פֿון אונדז און פֿון דער שול.״

און עטעלע שרײַבט:

„פֿרײדעלע, דו נאַריש מײדעלע. פֿאַר װאָס האָסטו זיך צעקלאַפּט אַ פֿוס? פֿאַר װאָס ביסטו איצט קראַנק? װער גיך געזונט!

מיר דאַרפֿן דיך האָבן אין שול.
אָט קומט באַלד פּורים
און מיר דאַרפֿן אַלע שפּילן
אין אַ פּורים־שפּיל. ווער געזונט.
אַלע קינדער ווינטשן עס דיר."

און ניסעלע שרײַבט:
„מײַן גוטע פֿריידעלע.
איך האָב דערציילט אין שול אַז דו ביסט קראַנק, דו האָסט זיך שטאַרק צעקלאַפּט אַ פֿוס. אַלע קינדער אין דער שול ווינטשן דיר אַז דו זאָלסט ווערן גיך געזונט און דו זאָלסט אין גיכן קומען צוריק צו אונדז אין שול."

יעדער קינד האָט פֿריידעלען געשריבן אַ בריוו.

נאָר איין ייִנגל, לייבל, האָט גאָרנישט געשריבן.

פֿרעגט אים דער לערער פֿאַר וואָס ער שרײַבט גאָרנישט צו פֿריידעלען.

3

ענטפֿערט לייבל, אַז ער ווייסט
ניט וואָס צו שרײַבן צו אַ קראַנקער
מיידל. ער וועט בעסער גיין צו
איר אַהיים און זען וואָס זי מאַכט.
און אויב מע וויל, וועט ער
אַוועקטראָגן די בריוו
וואָס די קינדער האָבן געשריבן.
עס איז אַלעמען געפֿעלן. מען
האָט געגעבן לייבלען אַלע בריוו,
ער זאָל אַוועקטראָגן צו פֿריידעלען.
און פֿריידעלע האָט זיך געפֿרייט
מיט די בריוו וואָס לייבל
האָט געבראַכט.



היט זיך ווי איר גייט

— „און איצט, קינדער,״
— זאָגט דער לערער,
— „גייט אַהיים און היט זיך
ווי איר גייט די גאַס אַריבער.״
די קינדער גייען און האַלטן זיך
פֿאַר די הענט, ביז זיי קומען
צום ראָג פֿון גאַס.
— „וואַרט נאָר, וואַרט״,
— זאָגט אַרעלע, —
„מיר קענען ניט די גאַס אַריבערגיין,
דאָס ליכט איז איצט רויט.
מיר דאַרפֿן וואַרטן אַ ביסל
ביז דאָס ליכט וועט זײַן גרין.״
וואַרטן די קינדער אַ ביסל.
— „זעט נאָר, זעט״ — זאָגט עטעלע,
— „דאָס ליכט איז איצט גרין,
מיר קענען שוין די גאַס אַריבער.
היט זיך ווי איר גייט.״

2

קוקן אַלע קינדער אַרויף צום ליכט.

— „יאָ, יאָ!" — רופֿן אַלע אויס,
— „דאָס ליכט איז איצט גרין",
און מען גייט די גאַס אַריבער און מען היט זיך ווי מען גייט.

גייען ייִנגעלעך, גייען מיידעלעך
פֿון שול אַהיים און עס איז זיי
פֿריילעך. זיי גייען און זיי
האַלטן זיך פֿאַר די הענט.
זיי גייען און זיי זינגען אַ לידל:

רויטע ליכט, גרינע ליכט
אויפֿן ראָג פֿון גאַס.
רויטע ליכט, גרינע ליכט
האָסט ליב צו מאַכן שפּאַס.

איז עס רויט — הייסטו שטיין,
איז עס גרין — הייסטו גיין.
פֿאָלגן מיר, טוען מיר
וואָס דו ווילסט אַליין.



אַ בריוועלע דער באָבען, אַ בריוועלע דעם זיידן

1

די קינדער זעען אַ בריוו.
פֿרעגט עטעלע, פֿרעגט אַרעלע:
— „פֿון וואַנען איז דער בריוו?"
זאָגט די מאַמע, זאָגט דער טאַטע:
— „לייענט דעם בריוו
וועט איר זען פֿון וועמען עס איז."
לייענט עטעלע, לייענט אַרעלע
דעם בריוו.
— „דאָס איז אַ בריוו פֿון זיידן!"
— רופֿן ביידע קינדער אויס.
דער זיידע און די באָבע שרײַבן:
„טײַערע קינדער.
וואָס מאַכט איר אַלע? וואָס טוט
איר? און וואָס מאַכט עטעלע און
וואָס מאַכט אַרעלע? גייען זיי אין
שול? לערנען זיי זיך גוט? שרײַבט

אונדז בריוו און שרײַבט פֿון אַלץ.
מיר זײַנען געזונט און שטאַרק.״

2

די קינדער לייענען דעם בריוו
און זיי רופֿן אויס:
— „באַלד שרײַבן מיר זיי אַ בריוו,
דער באָבען מיטן זיידן.״
און זיי ביידע זעצן זיך שרײַבן.
אַרעלע שרײַבט דעם זיידן,
עטעלע שרײַבט דער באָבען.
עטעלע שרײַבט:
„מײַן טײַערע באָבע.
מיר זײַנען אַלע געזונט און שטאַרק.
קום צו פֿאָרן, קום צו מיר, קום צו
אַרעלען, קום צו דער מאַמען, קום
צום טאַטן. קום גיכער, קום גיכער צו
פֿאָרן צו אונדז. דו וועסט זײַן בײַ
אונדז אַ גרויסער גאַסט.
פֿון מיר דײַן אייניקל עטעלע.״



3

אַרעלע שרײַבט דעם זיידן:
„מײַן טײַערער זיידע.
מיר זײַנען אַלע געזונט און שטאַרק.
קום צו פֿאָרן, קום צו מיר, קום צו
עטעלען, קום צו דער מאַמען, קום
צום טאַטן. קום גיכער צו פֿאָרן צו
אונדז. דו וועסט זײַן בײַ אונדז
אַ גרויסער גאַסט.
פֿון מיר דײַן אייניקל אַרעלע."
עטעלע ווײַזט איר בריוו
דער מאַמען.
אַרעלע ווײַזט זײַן בריוו
דעם טאַטן.

4

די מאַמע לייענט שטעלעס בריוו.
דער טאַטע לייענט אַרעלעס בריוו.
די מאַמע איז צופֿרידן, דער טאַטע
איז צופֿרידן. די מאַמע און דער טאַטע
זאָגן:

—„אַ שיין בריוול, שטעלע, אַ שיין
בריוול, אַרעלע. איר האָט געשריבן
שיינע בריוולעך דער באָבען מיטן
זיידן. איר קענט שרײַבן שיינע ייִדישע
בריוולעך."

די קינדער וואַרטן אויף אַ בריוו
פֿון דער באָבען מיטן זיידן.
זיי וואַרטן אַ טאָג,
זיי וואַרטן אַ טאָג און נאָך אַ טאָג.
באַקומט שטעלע, באַקומט
אַרעלע אַ בריוו פֿון דער באָבען
מיטן זיידן.
לייענט שטעלע דאָס בריוועלע,
לייענט אַרעלע דאָס בריוועלע.

5

וואָס שרײַבט די באָבע מינדל?
וואָס שרײַבט דער זיידע מענדל?
די באָבע מינדל און דער זיידע
מענדל שרײַבן אין בריוועלע אַזוי:
אונדזער טײַער אייניקל עטעלע,
אונדזער טײַער אייניקל אַרעלע.
אײַער שיין יידיש בריוועלע האָבן
מיר באַקומען. מאָרגן קומען מיר
צו אײַך. מאָרגן קומען מיר ביידע.
אײַער באָבע מינדל,
אײַער זיידע מענדל."
עטעלע און אַרעלע זײַנען ביידע
צופֿרידן וואָס דער זיידע און די
באָבע קומען צו גאַסט.

אַ לידעלע

אַ בריוו דער באָבען,
אַ בריוו דעם זיידן.
אַלע מאָל שרײַב איך
בריוו צו זייביידן.

לייענט די באָבע,
לייענט דער זיידע
די בריוו וואָס איך שרײַב, —
פֿרייען זיך ביידע.

שרײַבט מיר די באָבע,
שרײַבט מיר דער זיידע:
זיי קומען צו פֿאָרן —
באַלד קומען ביידע.

קום גיכער, באָבע!
קום גיכער, זיידע!
געסט וועט איר זײַן דאָ,
טײַערע, ביידע.

עטעלע און אַרעלע גייען אין קראָם

1

איין מאָל זאָגט די מאַמע צו עטעלען און אַרעלען:
— „קינדער, איך וויל אײַך עפּעס בעטן. איך דאַרף קויפֿן אַ ביסל זאַכן, ווײַל איך איר זאָלט גיין פֿאַר מיר אין קראָם. איך האָב איצט קיין צײַט ניט. מאָרגן, ווייסט איר, איז דאָך פּורים, וויל איך באַקן פּורים־געבעקס. אָט איז געלט צו באַצאָלן אין קראָם פֿאַר די זאַכן וואָס איר וועט קויפֿן.
נעמט פּאַפּיר און בלײַפֿעדער
און פֿאַרשרײַבט
וואָס איך דאַרף האָבן."
נעמט עטעלע פּאַפּיר און בלײַפֿעדער און פֿאַרשרײַבט אַלץ וואָס די מאַמע וויל מען זאָל קויפֿן אין קראָם.



2

עטעלע שרײַבט:
„קויפֿן אין קראָם:
איין פֿונט פּוטער, צוויי פֿונט ניס,
דרײַ פֿונט צוקער, פֿיר פֿונט מעל,
מאָן און האָניק, אַ זעקעלע זאַלץ, —
און דאָס איז אַלץ.“

עטעלע האָט אַלץ פֿאַרשריבן.
לויפֿן זיי אין קראָם קויפֿן
אַלץ וואָס די מאַמע דאַרף
אויף צו באַקן פּורים־געבעקס.

עטעלע האַלט שטאַרק אין האַנט
דאָס געלט.

אין מיטן וועג זאָגט אַרעלע צו עטעלען:

— „דו ווייסט, מײַן שוועסטער, עס וועט זײַן שווער צו טראָגן פֿון קראָם אַזוי פֿיל זאַכן, לאָמיר גיין צוריק אַהיים און נעמען דאָס שיינע, רויטע וועגעלע צו פֿירן די אַלע זאַכן וואָס מיר וועלן קויפֿן.“

גייען זיי אַהיים און נעמען דאָס שיינע, רויטע וועגעלע.

— „זעץ זיך, עטעלע, אַרײַן אין וועגעלע, וועל איך דיך פֿירן ביז דער קראָם“, — זאָגט אַרעלע.

עטעלע זעצט זיך אַרײַן אין וועגעלע און זי האַלט שטאַרק דאָס געלט.



4

אַרעלע פֿירט דאָס וועגעלע און היט זיך ווי ער פֿאָרט די גאַס אַריבער, און ביידע זינגען זיי אַ לידעלע:

לאָמיר לויפֿן, לאָמיר יאָגן
אין דעם שיינעם, רויטן וואָגן.
לאָמיר יאָגן, לאָמיר לויפֿן
פֿאַר דער מאַמען זאַכן קויפֿן.

אין קראָם פֿרעגט דער קרעמער וואָס זיי ווילן.

— „איך וויל״, — זאָגט עטעלע, און לייענט פֿון פּאַפּיר אַרויס, — „איך וויל איין פֿונט פּוטער,

צוויי פֿונט ניס, דרײַ פֿונט צוקער,
אַ זעקעלע זאַלץ —
און דאָס איז אַלץ.״
גיט דער קרעמער עטעלען אַלץ
וואָס זי וויל, און עטעלע באַצאָלט
דעם קרעמער.
זיי לייגן אַרײַן אין שיינעם, רויטן
וועגעלע די זאַכן און זינגען
אַ לידעלע:

לויפֿן מיר אין קרעמל,
קויפֿן מיר דאָרט אַלץ:
מאָן און ניס און מעל,
צוקער, האָניק, זאַלץ.



5

די קינדער לאָזן זיך פֿריילעכע אַהיים. אויפֿן וועג אַהיים זינגען זיי אַ נײַ לידעלע:

מיר דאַרפֿן ניט קיין זאַכן טראָגן,
מיר פֿירן אַלץ אין אונדזער וואָגן.
מיר קויפֿן אַלץ פֿאַר מאַמען אײַן
און ברענגען עס אין שטוב אַרײַן.
און די קינדער קומען אַהיים.

די מאַמע נעמט צו פֿון זיי אַלץ
און זי דאַנקט זיי ביידן.
זי גיט זיי זעמל מיט פּוטער
און זי נעמט באַקן פּורים־געבעקס.

פּורים אין שול

אויף מאָרגן איז אין שול געווען פֿרײלעך. די קינדער האָבן געבראַכט אין שול זייערע ברידערלעך און שוועסטערלעך. די קינדער פֿון שול האָבן געשפּילט אַ שפּיל „דער שלח־מנות־טרעגער.״

דער לערער האָט אַלעמען געגעבן גראַגערס, די קינדער האָבן געזונגען פּורים־לידער,
זיי האָבן געגעסן המן־טאַשן
און זיי האָבן געטאַנצט.
אײַ, אײַ, איז געווען פֿרײלעך!

דאָס ליד פֿון דעם „שלח־מנות־טרעגער״ האָבן די קינדער געזונגען אַ סך מאָל. אָט איז דאָס ליד פֿון דעם „שלח־מנות־טרעגער״:

אַ גוט יום־טובֿ, ייִדן,
אַ גוט פּורים זאָג איך!
אַ גוט יום־טובֿ, ייִדן,
שלח־מנות טראָג איך!

מאַנדעלעך און טאָרטן,
קוכן, המן־טאַשן,
פאַר ייִנגעלעך צו עסן,
פאַר מיידעלעך צו נאַשן.

פורים איז מיר פֿריילעך,
איַ, פורים איז מיר גוט,
לאָמיר אַלע טאַנצן
אַ שעה מיט אַ מינוט.



די קינדער זיַינען געגאַנגען
אַהיים פֿון שול און האָבן גערדייט
די גראַגערס, זיי האָבן געזונגען די
פורים־לידער, און די גאַס איז געווען
פֿול מיט דעם יום־טובֿ פורים.

שעפּסעלע מײַנס

אײן מאָל זאָגט די מאַמע
צו עטעלען:
— „קום, שעפּסעלע מײַנס, אין גאַס."
— „איך בין ניט קײן שעפּסעלע",
— ענטפֿערט עטעלע ניט צופֿרידן.
לאַכט די מאַמע און זאָגט:
— „זע, מײַן קינד, דו טראָגסט אַ קלײדעלע, — איז עס געמאַכט פֿון װאָל; דו טראָגסט אַ מאַנטעלע,
— איז עס געמאַכט פֿון װאָל, אַ־יאָ?"



— „יאָ, מאַמע, מײַן קלײדעלע
און מאַנטעלע זײַנען געמאַכט פֿון
וואָל, איז וואָס?"
זאָגט די מאַמע: — „דו טראָגסט
זעקעלעך, — איז עס פֿון וואָל, דו
טראָגסט אַ היטעלע, — איז עס פֿון
וואָל, דו טראָגסט הענטשקעס, —
איז עס פֿון וואָל — אַ־יאָ,
מײַן מײדעלע?"
— „יאָ, מאַמע, מײַנע זעקעלעך,
מײַן היטעלע און מײַנע הענטשקעס
זײַנען געמאַכט פֿון וואָל. נו, איז וואָס?"
— „וואָל קומט דאָך פֿון
אַ שעפּסעלע, נו, ביסטו דערפֿאַר
מײַן שעפּסעלע", — האָט די מאַמע
געענטפֿערט און געלאַכט.
האָט עטעלע אױך געלאַכט און
געזאָגט:
— „גוט, מאַמע, איך בין דײַן
שעפּסעלע. איך בין ניט דײַן עטעלע,
איך בין דײַן שעפּסעלע."

אַ גוט־שבת

אַרעלע און עטעלע שפּילן זיך אין גאַס. זיי זעען, דער טאַטע קומט. ער קומט פֿון דער אַרבעט. הײַנט קומט ער אַהיים פֿריִער. הײַנט איז פֿרײַטיק. קומט ער אַהיים פֿריִער.

דער טאַטע נעמט עטעלען פֿאַר אַ האַנט, ער נעמט אַרעלען פֿאַר אַ האַנט און זיי גייען אַהיים.

דער טאַטע, עטעלע און אַרעלע קומען אַרײַן אין הויז.

— „אַ גוט־שבת, מאַמע!"

— זאָגט עטעלע.

— „אַ גוט־שבת, מאַמע!"

— זאָגט אַרעלע.

— „אַ גוט־שבת!"

— זאָגט דער טאַטע.

— „אַ גוט־שבת, אַ גוט־שבת!"

— זאָגט די מאַמע, — „אַ גוט־שבת אַלעמען."



אַ לידעלע

די אַרבעט איז
שוין אָפּגעטאָן:
דער שבת קומט
אין הויז באַלד אָן.

דאָס הויז איז ריין,
געדעקט דער טיש
מיט לײַכטער, ליכט,
מיט חלה, פֿיש.

און ביי דעם טיש
די מאַמע שטייט,
און איבער ליכט
די הענט זי שפּרייט.

און שטיל זי בענטשט
די ווייסע ליכט.
דער שבת רוט
אויף איר געזיכט.

אַרום דעם טיש
מען זעצט זיך אויס, —
דער שבת רוט
אין גאַנצן הויז.



אַרעלע שרײַבט אַ בריוו קיין ישׂראל

אַרעלע האָט אַ שוועסטער־קינד אין לאַנד ישׂראל. שרײַבט ער אים אַ בריוועלע אַזוי:

„מײַן טײַער שוועסטער־קינד משה. מײַן טאַטע זאָגט מיר אַז דײַן טאַטע־מאַמע און דו זײַנען איצט אין לאַנד ישׂראל, און אַז איר וועט שוין שטענדיק דאָרטן זײַן בײַ זיך אין אייגן לאַנד ישׂראל.

איך בין צופֿרידן וואָס דו און דײַן טאַטע־מאַמע האָבן שוין איצט אַ היים.

איך שרײַב דיר דעם בריוו פֿון אַמעריקע. איך האָב ליב אַמעריקע.



אַמעריקע איז שיין און גרויס און פֿריי. אַז איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך פֿאָרן אין דעם לאַנד ישׂראל דיך זען. שרייַב מיר אַ בריוו און שרייַב מיר וואָס דו און אַלע קינדער טוען אין ישׂראל.

פֿון מיר דייַן שוועסטער־קינד אַרעלע.״

אַרעלע באַקומט אַ בריוו פֿון ישׂראל

„מייַן טייַער שוועסטער־קינד אַרעלע.
דייַן בריוו האָב איך באַקומען.
איך האָב דייַן בריוו געלייענט און זיך געפֿרייט.

מייַן טאַטע־מאַמע און איך זייַנען צופֿרידן וואָס מיר זייַנען שוין אין דעם לאַנד ישׂראל.
מיר זייַנען דאָ אַלע פֿרייַנד.

מיר בויען דאָ דאָס לאַנד ישׂראל.
מיר בויען הײַזער און מיר מאַכן וועגן.
אַלע אַרבעטן און בויען דאָ
דאָס לאַנד ישׂראל.
איך וואַרט שוין אַז דו זאָלסט
אויסוואַקסן און דו זאָלסט מיך
קומען זען אין דעם לאַנד ישׂראל.
שרײַב מיר אָפֿט און איך וועל
דיר אויך שרײַבן אָפֿט.
פֿון מיר דײַן שוועסטער־קינד,
משה.״

פּסח

פּסח, פּסח,
יום־טובֿ ליבער.
ס׳איז דער ווינטער
שוין אַריבער,

און דער פֿרילינג
איז געקומען,
ברענגט אונדז מצה,
וויַין און בלומען.

פּסח, פּסח,
יום־טובֿ שיינער.
אַלע היַיזער
זיַינען ריינער,

אַלע לײַכטער
ברענען העלער,
פֿול מיט מצה
שטייען טעלער.

בײַ די טישן
זיצט מען פֿרײלעך.
יעדער טאַטע
איז אַ מלך.

ס'איז אונדז פּסח
ליב און טײַער.
ליב איז משה
דער באַפֿרײַער.



אַ פֿרילינג־ליד

עס בליִען די ביימער,
עס שפּראָצן די בלומען,
צו אונדז איז דער פֿרילינג,
דער פֿרילינג געקומען.

צום מוטערס־טאָג

ווער קושט אונדז
און ווער גלעט אונדז?
ווער לייגט בײַ נאַכט
אין בעט אונדז?
— די ליבע, גוטע מאַמע.





ווער גיט אונדז
שטענדיק עסן?
ווער קען אונדז
ניט פֿאַרגעסן?
— די ליבע, גוטע מאַמע.

עטעלעם און אַרעלעם מתּנות

1

עטעלע גייט אַרום און טראַכט:
„מאָרגן איז מוטערס־טאָג, איך
וויל דער מאַמען געבן אַ מתּנה און
איך האָב ניט קיין געלט מיט וואָס
צו קויפֿן און איך ווייס ניט וואָס צו
קויפֿן.”

גייט עטעלע אַרום און טראַכט.
—„וואָס טראַכטסטו, עטעלע?”—
פֿרעגט די מאַמע.
—„גאָרנישט, מאַמע, גאָרנישט”,
— ענטפֿערט עטעלע.

אַז עס איז געקומען מוטערס־
טאָג גייט עטעלע שטיל אַרויס פֿון
הויז, זי גייט אַוועק צום פֿעלד, וואָס
איז געווען ניט ווײַט פֿון הויז. אין
פֿעלד וואַקסן בלומען, אַ סך בלומען!
זי רײַסט אָן אַ סך בלומען און
גייט צוריק אַהיים. אין דער היים

בינדט זי אַרום די בלומען, זי הענגט
אָן אַ בריוועלע אויף די בלומען און
זי גיט עס דער מאַמען.
די מאַמע נעמט די בלומען און
לייענט דאָס בריוועלע: „איך האָב
דיך ליב, מײַן מאַמע!
דײַן עטעלע.“

2

אַרעלע זעט ווי זײַן שוועסטער
עטל האָט געגעבן דער מאַמען שיינע
בלומען, שטייט ער און טראַכט:
„הײַנט איז מוטערס־טאָג און
איך האָב גאָרנישט וואָס צו געבן
דער מאַמען.“
ער שטייט און טראַכט.
אין אַ מינוט אַרום לויפֿט ער אַרײַן
אין קיך. ער שטעלט זיך אַוועק אויף
אַ בענקל און נעמט ווישן די טעלער,
לעפֿל, גאָפּל־מעסערס וואָס די מאַמע
ווישט ער די טעלער, די גלעזער,
האָט געלאָזן אין קיך. גיך־גיך

די גאָפּל, די לעפל און די מעסערס.
אַז ער איז פֿאַרטיק געוואָרן, עפֿנט
ער די טיר פֿון קיך און רופֿט אויס:
— „מאַמע, מאַמע! קום נאָר אַהער,
זע!"
די מאַמע און עטעלע זײַנען אַרײַן
אין קיך.
— „זע, מאַמע! אָט איז מײַן מתנה
פֿאַר דיר. איך האָב דיך ליב, מײַן
מאַמע!"
די מאַמע נעמט אַרום אַרעלען
מיט איין האַנט, עטעלען מיט דער
צווייטער האַנט און זי זאָגט:
— „איך האָב אײַך ליב, מײַנע
קינדער, איך האָב אײַך ליב!"





שבועות



פסח אַוועק,
שבֿועות געקומען.
וואַרעמע טעג,
גרעזעלעך, בלומען.

ס'רוישן אין וואַלד
ביימעלעך גרינע,
זאָגן אַ סוד
פֿון דעם באַרג סיני.

נאָר אויף צוויי טעג
שבֿועות געקומען.
גייט ער אַוועק,
בלײַבן אונדז בלומען

דער גוטער שוסטער

זי און ער און דו און איך
דאַרפֿן האָבן נײַע שיך.
לאָזן מיר זיך לויפֿן גיך
צו דעם שוסטערל נאָך שיך.
זיצט דאָס שוסטערל בײַ זיך
און עסט אָנבײַסן אין קיך.
„שוסטער, שוסטער, גיך, גיך, גיך!
אַלע קינדער דאַרפֿן שיך.
וואָס זשע זיצסטו איצט בײַ זיך
און עסט אָנבײַסן אין קיך?"
עסט דאָס שוסטערל אָפּ גיך
און נעמט נייען פֿאַר אונדז שיך.
נייט ער שיך פֿאַר אים און איר,
נייט ער שיך פֿאַר דיר און מיר.
„שוסטער, שוסטער! דו ביסט גוט:
מאַכסט אַ שוך אין אַ מינוט!"

דער שנײַדער

נייט דער שנײַדער
אונדז אַ קלייד,
אָנצוקוקן
איז אַ פֿרייד.

מיט דער נאָדל,
מיט דער שער
נייט ער קליידער
מער און מער.

שנײַדער, שנײַדער,
אַרבעטסט שווער
מיט דער נאָדל,
מיט דער שער.

מאַכסט אונדז וואַרעם,
מאַכסט אונדז שיין, —
מאַך אַ קלייד
פֿאַר זיך אַליין.



באַל־שפּיל

איינס און צוויי
און דריי און פֿיר,
קום און שפּיל
אין באַל מיט מיר.

שפּילן באַל
איז גאָרניט שווער:
וואַרף דעם באַל
אַהין, אַהער.

שפּרינגט דער באַל
אַרויף, אַרויף,
איך — אַ שפּרונג
און דו — אַ לויף!



פֿליט דער באַל
אַרויף, אַראָפּ, —
כאַפּ דעם באַל
און לאָז ניט אָפּ.

איינס און צוויי
און דריי און פֿיר,
קום און שפּיל
אין באַל מיט מיר.



דער יום־טובֿ אין שול

1

אין שול איז הײַנט אַ יום־טובֿ. אויפֿן לערערס טיש זײַנען דאָ אַ סך בלומען. לעבן די בלומען שטייט אַ קעסטל. וואָס איז פֿאַר אַ יום־טובֿ הײַנט אין שול? און וואָס איז דאָרט אין דעם קעסטל?

הײַנט איז ניט דער יום־טובֿ חנוכּה.
הײַנט איז ניט דער יום־טובֿ פּורים.
הײַנט איז ניט דער יום־טובֿ פּסח.
הײַנט איז ניט דער יום־טובֿ שבֿועות.

וואָס פֿאַר אַ יום־טובֿ איז הײַנט אין שול? און וואָס איז דאָרט אין דעם קעסטל?

דער לערער שטייט לעבן טאָוול און ער שרײַבט גרויסע ווערטער:

2

דער לערער שרײַבט די ווערטער, ער קוקט אויפֿן קלאַס און ער רעדט:

— „קינדער, הײַנט איז בײַ אונדז אין שול אַ יום־טובֿ. עס איז אײַער יום־טובֿ הײַנט, דער יום־טובֿ פֿון קלאַס „אַ.“

איר זײַט אין שול געקומען יעדן טאָג. איר האָט ליב געהאַט צו גיין

אין שול. איר האָט ליב געהאַט דאָס לערנען, און איך האָב ליב געהאַט מיט אײַך צו לערנען. איר האָט זיך גוט געלערנט. איר קענט שוין אַלץ פֿון ערשטן ביכל. איר קענט שוין אַלץ וואָס קלאַס „א" דאַרף קענען. איר גייט אַלע הײַנט אַריבער אין קלאַס „ב", און איר קריגט הײַנט אַ נײַ ביכל, וואָס איר וועט לערנען אין קלאַס „ב."

3

דער לערער עפֿנט אויף דאָס קעסטל און נעמט אַרויס פֿון דאָרט אַ סך ביכלעך, אַ סך שיינע, נײַע ביכלעך. ער גיט יעדן קינד אַ ביכל און ער זאָגט:

— „דאָס איז דאָס צווייטע לערן־ביכל וואָס איר וועט לערנען אין קלאַס „ב", ווען איר וועט נאָכן זומער קומען צוריק אין שול."

זעט ווי שײַן עס איז דאָס נײַע ביכל, פֿול און פֿול מיט נײַע מעשׂיות, פֿול מיט נײַע לידער, נײַע בילדער. האַלט דאָס ביכל ריין און טײַער. ווען איר וועט נאָכן זומער קומען צוריק אין שול זאָלט איר מיט זיך די ביכלעך ברענגען.״

4

עס איז שטיל אין קלאַס.
די קינדער קוקן אויפֿן לערער. זיי קוקן אויף די ביכלעך. זיי זײַנען אי אומעטיק אי פֿריילעך. די קינדער ווייסן ניט פֿאַר וואָס זיי זײַנען אי אומעטיק אי פֿריילעך.

מיט אַ מאָל נעמען זיי אין די הענט די ביכלעך, זיי שטעלן זיך אַרום דעם לערער און זיי טאַנצן און דרייען זיך אַרום אים. זיי דרייען זיך, זיי טאַנצן און זיי זינגען אַ ליד וואָס זיי האָבן אין שול געלערנט:

„אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אַלף־בית.
זאָגט זשע, קינדערלעך, זאָגט זשע טײַערע,
וואָס איר לערנט דאָ.
זאָגט זשע נאָך אַ מאָל, און טאַקע נאָך אַ מאָל
קמץ אַלף־אָ!"



2

די קינדער דרייען זיך אַרום דעם לערער, זיי דרייען זיך און זינגען הויך און העכער. דער לערער שטייט אין מיטן, ער קוקט אויף די קינדער און ער שווײַגט.

ער וויל זיי אַלעמען אַרומנעמען,

ער ווייל זיי קושן און זאָגן:
— „קינדער, קינדער, איר זײַט מיר אַלע ליב און טײַער!"

אָבער ער שטייט און שווייגט. עס איז אים אי אומעטיק אי פֿריילעך. שפּעטער הייבט ער אָן צו זינגען אין איינעם מיט די קינדער:

„אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אַלף־בית.
זאָגט זשע, קינדערלעך, זאָגט זשע טײַערע,
וואָס איר לערנט דאָ.
זאָגט זשע נאָך אַ מאָל, און טאַקע נאָך אַ מאָל
קמץ אַלף־אָ!"

די קינדער זינגען, דער לערער זינגט. דאָס זינגען טראָגט זיך איבערן קלאַס־צימער הויך און העכער, הויך און העכער, און פֿון קלאַס־צימער טראָגט זיך דאָס זינגען דורכן פֿענצטער אין דער גאַס אַרויס.

דער וואָקאַבולאַר פֿון לערנביכל

די ווערטער לויט דעם סדר ווי זיי קומען אויף די זייטן פֿון בוך.

זײַט 4
עטעלע
אַרעלע

5
טאַטע
מאַמע
דער
די

6
000

7
זע-זעט
נאָר
אַלע

8
קוקט-קוקן
קומט
ער

9
טראָגט
עפּעס
וואָס

10
פֿרעגט
זאָג
איז
קעסטעלע
אַ
אין

11
לאַכט
טרעפֿט
(זאָגט)
זי
און

12
קלעצלעך
ביכלעך
שיכלעך
היטעלעך
עס איז
ניט קיין
מיט

13
וויל-ווילסטו
בויען
הויז
יאָ
איך
אַ סך
צו

14
גיט
בויט-בוי
טיר
פֿענצטער
דאַך
פֿיר
(עטעלען)
(אַרעלען)

15
מאַכט
בעטעלע
טישעלע
לידעלע
פֿאַר דיר
פֿאַר מיר
אָט איז
דאָס

16
האָט
האָט ליב
רופֿט
קעצעלע
הינטעלע
קליין
שיין

17
לויפֿט-לויפֿן
שפּרינגט-שפּרינגען

18
ווערט
זײַן
קינדער
שפּיל
פֿריילעך
פֿיל
אַזוי פֿיל
אויפֿן הויף
(לויף)
(שפּרינג)

19
זוכט-זוכן
ניטאָ
וואו
זיי
גאָס
(הויף)

20
פּאַרק
באַנק
אונטער
אויף

21
זיצט
בוים
(אונטערן)
(צום)
(אויפֿן)
(לאַכן)

22
גייט-גייען
שרײַט
נעמט
אַראָפּ
אַהיים
פֿון

23
עסט-עסן
זעצט זיך
ברויט
פּוטער
קעז
(טיש)
(אין דער היים)

24
איז דאָ
טרינקט-טרינקען
מילך

עפל
באַרן
רויט
פֿריש
מיר

25
(האָב ליב)
מער פֿון אַלץ
(גיב)
אויך
מײַן
מוטער
צוויי
נאָר

26
לעקט
שיסעלע
פֿול
גוטע
ווי
אַזוי

27
דעם
(גוטער)

28
זינגען
לאָמיר
שול
לערער
ניסעלע
זיסעלע

29
וואָרט
ליגט
עפּן
רייד
פֿרייד

אָפֿן
(נעם)
(זוך)
(בוך-ביכל)
(טישל)

30
נאָכן
נאָך אַ
יעדן
זײַנען דאָ
בילד-בילדער
איר

31
באַקט
בעקער
זעמל
שוסטער
שיך
יינגל
(נעמען)
גיכער
(יעדער)

32
(קומען)
שטעלט
שפּילן זיך
קיכל-קיכלעך
פֿלאַש
גלאָז
אַרויס

33
האָבן שפּאַס
ראָד
ראָד-אויס
ראָד-אײַן
אַרײַן
(ווילן)

34
איך בין
זיך שליטלען
זיך גליטשן
שליטעלעך
גליטשערס
שניי
ווײַס
ווייך

35
הײַזער
אומעטום
גיך
יאָגן זיך אום
געשריי

36
וועלן
לערנען
הײַנט
מאָרגן
יום-טובֿ
ניין
(גיין)

37
דערציילט-דערציילן
הערן
טאָן
מעשה
צוריק
איצט
(וואַרטן)
(זעצן זיך)

38
מאָלט-מאָלן
שרײַבט
טאָוול
ווערטער
טעצעלע

גרויסע
ווער

39
(קאָץ)
שיסעלע
נאָך אַ בעסעלע

40
ציגעלע-ציגל
קריגעלע

41
(שרײַבן)
געמאָלן
געשריבן
ברענט
שײַנט
חנוכּה
ליכטעלע
טענצעלע
ליכטיק
וואַרעם
(לידלעך)

42
געפֿעלט
נאַכט
ייִדן
נאָך אַ מאָל
צופֿרידן
איינער
אַכט
אַזאַ
(שיינער)
(ליכטלעך)
(שײַנען)

43
שטייט
צינדט אָן
לעמפּל

דריידלעך
געלט
אַמאָל איז געווען
ערשטן
דאַני
(ייִנגעלע)

44
דו
ביסט
קענסט
אַנצינדן
לאָז־לאָזט
דערלאַנגען
געקומען
מיך
אַכטער
טאָג
(בענקעלע)

45
אויסגעוואַקסן
שוין
ביזן
(זעמל)
(גרויסער)

46
וואַקסן
שלאָפֿן
געלאַכט
בייַ נאַכט
גענוג
ווען
(גוטן)

47
געזונגען
געגעבן
אונדז
(גוט)
(שיינע)

48
געצונדן
געבראַכט
געדרייט
העלפֿן
קיך
לאַטקעס־לאַטקעלעך
פֿריילעכע

49
איך וועל
דו וועסט
וואַשן
ווישן
מיידעלע
טעלער
לעפֿל
האַנטעך
אַליין
(העלפֿט)

50
פּים
זעקס
ריי
אַרויף
שטיל

51
(טעג)
פּרעסט־פּרעסן
נייט־נייען
קויפֿט־קויפֿן
מאַנטיק
דינסטיק
מיטוואָך
דאָנערשטיק

52
ראַמט־ראַמען
רוט־רוען
שפּאַצירט־שפּאַצירן
פֿרייַטיק
שבת
זונטיק

53
אַרבעט
זעגט
זעג
ברעט־ברעטלעך
נעגל
האַמער
דיל
דינע
(קען)
(קעסטל)
(קליינע)

54
ליאַלקע
שוועסטערס
(מאַך)
(הייַזעלע)

55
קלאַפּט
זאָך
באַלד
(זינגט)

56
עס ווערט
זאָל האָבן
זיצן
ברודער
געבוירן־טאָג
פּאַרטיק
ווערמען
ביז
(מאַכן)
(זאַכן)

57
דאָך
דייַן

58
שמייכלט
קליידעלע
בלוי
וויפֿל
אַהער
קום
געמאַכט

59
לייגט
דעקט צו
אַ שיינעם דאַנק
אייַך

60
טוט
שלאָפֿט
פֿאָלגט
שטייט אויף
אויסגערוט
נאָך אַ מאָל
(זאָג)
שטילער

61
טוען אויס
געבאַקן
טאָרט
זאַקן
הענט
פּנים
ציין
שפּעט
עס איז שוין צייַט
נאָך דער
(שיך)
(קליידער)

62
צוגעמאַכט
געשלאָפֿן
זיך אויפֿגעוואַכט
שלאָפֿן אײַן
אַ גוטע נאַכט
די גאַנצע נאַכט
אויגן
זייגער
אַוועק
שטאַרק
אין דער פֿרי

63
וועקט-וועקן
שטייט-שטיי-אויף
כאַפּט זיך אויף
טוען אָן
שלאָף
גוט-מאָרגן
פֿרי

64
קעמט
האָר
פֿייגעלע
זייער
טוט זיך אָן געשווינד
(קינד)
אַ גוטן טאָג

65
ייִדיש
(זיך לערנען)

66
ענטפֿערט
גענומען
פֿאַרגעסן
אויפֿן וועג
האָסטו
בלייפֿעדער
העפֿט

67
באַגעגנט
לייענען
ריידן
איר
וואוהין

68
(האָסט)

69
000

70
אָנהייבן
הייבט מען אָן
אָרט
קלאַס
זאָל
אַז

71
הייסט
פּען
פּאַפּיר

72
ווייסט
מינוט

73
פֿעלט
צעקלאַפּט
קראַנק
נעכטן
בריוו
פּאַר וואָס
אַלעמען
פֿוס
פֿריידעלע
(קענען)

74
געהערט
ווינטש
דו זאָלסט
ווערן-ווער
געזונט
נאַריש

75
דאַרפֿן
פּורים
גאַרנישט
אין גיכן
דיך
(ווינטשן)

76
וואָס זי מאַכט
זיך געפֿרייט
אַוועקטראָגן
בעסער
אויב
(קראַנקער)

77
היט זיך
אַריבער
האַלטן זיך
ראָג
גרין

78
000

79
(פֿאָלגן)
(ווילסט)
(היילסטו)
(גרינע)
(רויטע)

80
באָבע-באָבען
זיידע-זיידן
פֿון וואַנען
פֿון וועמען
(וואָס מאַכט איר)
(זען-זעען)
(לייענט)
רופֿן

81
קום צו פֿאָרן
גאַסט
אייניקל

82
ווײַזט
(טײַערער)

83
באַקומט

84
מענדל
מינדל
קומען צו גאַסט
(באַקומען)

85
פֿרייען זיך
אַלע מאָל

86
בעטן
פֿאַרשרײַבט
קראָם
געבעקס
באַצאָלן
איין מאָל

זאָלסטו
(דאַרף)

87
איין
פּונט
נים
דרײַ
מעל
מאַן
האָניק
אַ זעקעלע
זאַלץ
פֿאַרשריבן
(האַנט)

88
אין מיטן
שווער
וועגעלע
פֿירן
(זעץ זיך)

89
וואָגן
קרעמער
(שיינעם)
(רויטן)

90
קרעמל
(דאָרט)

91
לאָזן זיך
דאַנקט
ברענגען
(טראָגן)
(פֿריילעכע)
(קויפֿן אײַן)
(נעמט צו)

92
געשפּילט
געגעסן
געטאַנצט
איז געווען
אַ גוט יום-טוב
שלח-מנות
טרעגער
גראַגערס
המן-טאַשן
(ברידערלעך)

93
געגאַנגען
נאַשן
מאַנדעלעך
קוכן
שעה
(טאָרטן)

94
שעפּסעלע
מײַנס
וואָל
מאַנטעלע

95
הענטשקעס
היטעלע
דערפֿאַר
געענטפֿערט
איז וואָס
(זעקלעך)

96
אַ גוט-שבת
פֿריִער

97
אָפּגעטאָן
גנעדעקט
לײַכטער

חלה
פֿיש

98
שפּרייט
בענטשט
געזיכט
איבער

99
לאַנד
ישׂראל
שוועסטער-קינד
משה
שטענדיק
אייגן

100
אַמעריקע
פֿרײַ
אויסוואַקסן
געלייענט

101
פֿרײַנד
אָפּט
(וועגן)

102
פּסח
ליבער
פֿרילינג
ווינטער
ברענגט
מצה
ווײַן
בלומען
(ריינער)

103
העלער
מלך

באַפֿרײַער
(שטייען)
(ברענען)

104
בליען
ביימער
שפּראָצן
קושט
גלעט
שטענדיק

105
מתּנה
מתּנות
טראַכט
מאָרגן
גייט אַרום
געבן
וואָס טראַכסטו
פֿעלד
ווײַט
רײַסט אָן

106
בינדט
הענגט
נאָפּל
מעסערס
גלעזער
געלאָזן

107
נעמט אַרום
געוואָרן
(עפּנט)
(צווייטער)

108
שבועות
וואַרעמע

123

גרעזעלעך
רוישן
וואַלד
סוד
באַרג סיני
ביימעלעך

109

ביַי זיך
אַנביַיסן
וואָס זשע
(זיצסטו)

110

שניַידער
אַנצוקוקן
נאָדל

שער
מער
(אַרבעטסט)
(מאַכסט)

111

וואַרף
כאַפּ
לאָז ניט אָפּ
פֿליט
באַל
איינס
אַהין
(גאַרניט)
(שפּרונג)

112

לעבן

113

איַיער
ליב געהאַט
איר זיַיט

114

קריגט
לערן־ביכל
(עפֿנט אויף)
(צווייטע)

115

מעשׂיות
זומער

אי־אי
אומעטיק
וויַיסן
דרייען זיך
מיט אַ מאָל
(שטעלן זיך)

116

אין מיטן
שוויַיגט
אַרומנעמען

117

הייבט אָן
אין איינער
צימער
שפּעטער

אין דעם לערנביכל גייען אַריין:

אָט איז אַ פענצטער — — — — — — — — — — לויט ב. פרידמאַן — 15
צוויי לידלעך — — — — — — — — — — — — ב. סמאָליאַר — 25
אין שול — — — — — — — — — — — — לויט ב. פרידמאַן — 29
אַ חנוכה־מעשה — — — — — — — — פריי לויט יהודה שטיינבערג — 43
אַ חנוכה־ליד — — — — — — — — — — — — י. גויכבערג — 48
טעלער וואַש איך — — — — — — — — — לויט נחום ווייסמאַן — 49
עטעלע העלפט דער מאַמען — — — לויט אַן אַלט ענגליש ליד — 51
פייגעלע, פייגעלע! — — — — — — — — — — — נפתלי גראָס — 64
שעפסעלע מיינס. — — — — — פריי באַאַרבעט פון העברעאיש
לויט ל. אַוויטאַל — — — — — — — — — — — — — — — 94
פרילינג — — — — — — — — — — — — — לויט ש. פרוג — 104
צום מוטערס־טאָג — — — — — — — — — — לויט י. קאַצענעלסאָן — 104
אַ שבועות־ליד — — — — — — — — — — — מ. ריוועסמאַן — 108

אַ פּאָר ווערטער וועגן „אין דער היים און אין שול״

מיט אַ געפיל פון נחת־רוח שרייב איך דאָ עטלעכע ווערטער פון אַ מאָדערנער הסכמה צו דעם נייעם לערנביכל פאַר אָנהייבערס „אין דער היים און אין שול״. עס איז אַ לערנביכל וואָס איז געבויט אויף געזונטע און אויסגעפּרואוווטע לערן־פּרינציפּן, אויף איין כסדרדיקן פאָדעם פון פּאַסירונגען מיט צוויי קינדער, אויף אַ געמאָסטענעם און באַגרענעצטן וואָקאַבולאַר, אויפן געבן די קינדער גאַנצע ווערטער, גאַנצע זאַצן, גאַנצע געבונדענע מעשיות. עס קומט אויך אַרויס צוזאַמען מיט אַן אַרבעטסהעפט, און דאָס ביכל צום לייענען און דער העפט צום אַרבעטן זיינען צווישן זיך אָרגאַניש פאַרבונדן.

דאָס אַלץ איז אויף דעם שטייגער און לויט דער סיסטעם, ווי עס איז אויסגעקומען זיך איינצושטעלן פאַר זיי במשך פון איבער צוועלף יאָר צייט דורך מוסטערן, דורך אַרטיקלען און אָנווייזונגען אין „פּעדאַגאָגישן בולעטען״ און דורך רייד און טענות אויף פאַרזאַמלונגען און זיצונגען. איז דאָס נייע לערנביכל מיר זייער ניחא. זאָל עס זיין צו געזונט דעם יידישן קינד וואָס וועט לערנען פון ביידע טיילן, פון לייען־ביכל און פון אַרבעטסהעפט.

אויב די עצם סיסטעם פון צונויפשטעלן דאָס לערנביכל איז שוין ניט ניי אַפילו אויפן אָרעמען פעלד פון אונדזער לערן־ליטעראַטור, איז אָבער אַן אָפּפרישונג די לעבעדיקייט, די זאַפטיקייט און די שטענדיקע ריטמישקייט פון י. קאַמינסקיס לשון, און ס'איז באמת אַ דערגרייכונג אַט דער אידיאָמאַטיש־נאַטירלעכער שטראָם פון דער שפּראַך וואָס האָט דאָך זיך געקענט אַריינצוימען אין אַ געציילטער צאָל ווערטער. און אויב זייער צאָל איז אפשר גרעסער ווי עס וואָלט באַדאַרפט זיין, ווערט עס אויסגעקויפט דורך די מעלות פון דער שפּראַך וואָס פאַרמאָגט אין זיך דעם לעבעדיקן צאַפּל פון לשון אין מויל פון 6־7־8־יאָריקע קינדער. הלוואי פון שיינע זייטלעך פון דעם נייעם לערנביכל — אין די מיילער פון די קינדער!

אַזוי ווי אַלץ איז אָפּהענגיק פון מזל (אַפילו אַ ספר־תורה אין אָרון), ווינטש איך דעם נייעם לערנביכל „אין דער היים און אין שול״ אַ סך מזל און הצלחה.

יודל מאַרק

נאָכוואָרט צו די לערערס

„אין דער היים און אין שול" איז מיין צווייט לערנביכל פאַר אָנהייבערס. דאָס ערשטע ביכל „איך לערן זיך יידיש" איז אַרויס אין פינף אויפלאַגעס (אין קאַרגע 29,000 עקז.) און האָט אָפּגעדינט זיין צייט אויף זיין שטייגער. קום איך איצט מיט אַן אַנדער מין לערנביכל.

ביים צוגרייטן דאָס דאָזיקע ביכל האָב איך אין זינען געהאַט דעם תלמיד וואָס קומט די לעצטע יאָרן אַן אין דער יידישער שול — דאָס איז דאָס יידיש־אַמעריקאַנער קינד וואָס וואַקסט אין אַ היים, וואו די אומגאַנג־שפּראַך איז בלויז ענגליש. דאָס ביכל פאַרן אָנהייבער דאַרף דאָס קינד לערנען ניט בלויז לייענען, נאָר אויך דאָס יידישע וואָרט, דאָס יידישע לשון.

ווען איך האָב געשריבן די טעקסטן, האָב איך אין זינען געהאַט עטלעכע גרונט־צילן:

1. צו אַנטוויקלען ביים קינד בהדרגה די פעאיקייט צו לייענען, און דערביי הנאה צו האָבן פון דעם לייענען און וועלן ווייטער לייענען;

2. צו אַנטוויקלען אַן אינטערעס די געלייענטע טעקסטן אַרויסצוריידן, זיי פשוט צו פאַרגעדענקען, דער עיקר צו געדענקען און צו דעקלאַמירן די לידלעך, כדי דעם קינדס מויל זאָל וואָס גיכער און מיט וואָס וויניקער אָנ־שטרענגונג זיך צוגעוואוינען צו יידישע קלאַנגען, כדי דעם קינד זאָל דאָס יידישע וואָרט ווערן וואָס גיכער נאָענט, אייגן, היימיש, גרינג;

3. איינשפּאַנען די נאַטירלעכע קרעאַטיווע כוחות פון דעם קינד און זיין שפּרודלדיקע ענערגיע פאַר פּאָזיטיווע אויפטוען לטובת יידיש און פאַר ממשותדיקע דערגרייכונגען אין זיין לערנען אין דער יידישער שול.

דאָס קינד געפינט זיך — לויט די טעקסטן פון ביכל — די גאַנצע צייט אין זיין אייגענער, לעבעדיקער, נאַטירלעכער, ניט־געקינצלטער סביבה. די העלדן זיינען דאָ צוויי קינדער, אַ ברודערל און אַ שוועסטערל, זייערע טאַטע־מאַמע, דער לערער, חברים פון שול און שפּיל־חברים, זיידע־באָבע, אַ שוועסטערקינד פון ישראל, — הכלל אַ וואַרעמע, אַ לעבעדיקע אַטמאָספער פון באמתדיקן קינדערשן לעבן. דאָ זיינען ניטאָ קיין אָפּגעריסענע מעשהלעך און זאַכעלעך וואָס ווערן קינסטלעך צונויפגעסטריגעוועט אין איין לערנבוך. ניטאָ קיין צוגעטראַכטע עפּיזאָדן, נאָר דאָ איז פאַראַן די טעגלעכע רוטין פון קינדער־לעבן. און די קינדער גופא זיינען ניט די „טויטע" „גוטע" קינדער פון לערנביכלעך וואָס טוען אַלץ וואָס מען הייסט זיי, נאָר לעבעדיקע קינדער מיט כסדרדיקער איניציאַטיוו, מיט שטענדיקער אַקטיוויטעט. און דער לערער דאַרף טאַקע זען אַז דאָס ניצן דאָס לערנביכל זאָל זיין פאַרבונדן מיט — לייען און טו! מיט — אַרבעט און זינג!

איך האָב די מעשיות און לידער בכיוון געשריבן אין אַ פּשוטער, אָבער אידיאָמאַטישער, נאַטירלעכער, היימיש־געלעדטער שפּראַך. איך האַלט אַז דאָס קינד דאַרף ביים אָנהייבן לערנען יידיש גלייך דערפילן דעם זיסן טעם פון אונדזער מאַמע־לשון. איך האַלט אויך אַז שפּילעוודיקייט פון לשון פאַרשאַפן פאַרגעניגן אַפילו יענע קינדער וואָס מאַכן די ערשטע טריט ביים לערנען זיך יידיש. דעריבער קומט אויס אַז כמעט יעדער עפּיזאָד פאַרענדיקט זיך מיט אַ קליין לידעלע.

כמעט אַלע טעקסטן פון לערנביכל זיינען מיינע. איך רעכן אויס אויף ז׳ 123 די שרייבערס וואָס איך האָב אויסגענוצט זייערע לידעלעך. מיינע אייגענע טעקסטן און כמעט אַלע לידעלעך זיינען שוין אויסגעפּרואווט געוואָרן אויף קינדער. שוין אין יאַנואַר 1945 האָט די „קינדער־צייטונג“ אָנגעהויבן דרוקן „גייט אַ יינגעלע, גייט אַ מיידעלע אין שול זיך לערנען יידיש“, וואָס דאָס איז געוואָרן דער יסוד פאַר די טעקסטן אין דעם איצטיקן לערנביכל. די טעקסטן זיינען אָבער ניט איבערגעדרוקט סתם פון דער „קינדער־צייטונג“. איך האָב גענומען אין באַטראַכט אַלע אָנווייזונגען פון די לערערס, ווי אַזוי די קינדער האָבן רעאַגירט, און די טעקסטן גופא זיינען הן דערגאַנצט געוואָרן מיט נאָך עפּיזאָדן, הן שטאַרק פאַראיינפאַכט און פאַרקירצט געוואָרן, כדי אַריינצופּאַסן אין פּלאַן פון דעם לערנביכל.

אַוודאי האָב איך געשטרעבט דערצו אַז דער וואָקאַבולאַר פון דעם גאַנצן ביכל זאָל באַשטיין פון אַ מינימום ווערטער. אָבער איך האָב ניט געקענט ניצן סתם אַפּטע ווערטער אָדער גלאַט זאַצן וואָס זאָלן שטעכן מיט זייער געקינצלטקייט. איך האָב אויך געמוזט אַריינעמען אין דער טעמאַטיק די יום־טובים וואָס שפּילן און מוזן שפּילן אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער שול. מחמת אָט די סיבות איז דער וואָקאַבולאַר אפשר גרעסער ווי איך האָב לכתחילה זיך פאַרמאָסטן. אָבער דאָך האָט זיך איינגעגעבן אויסצוקומען סך־הכל מיט 545 ווערטער. דערביי רעכן איך יעטווידן נייעם באַטייט און יעטווידע בייג פאַרעם וואָס קען פאַרשאַפן עפּעס אַ שוועריקייט ווי אַ ניי וואָרט. אויך יעדער אויסדרוק וואָס איז אַ גאַנצקייט און וואָס טרעפט זיך דאָ אין ביכל ווערט פאַררעכנט ווי אַ באַזונדער וואָרט. בלויז די פאָרמען פון דער איצטיקער צייט אָדער די פאַרשיידענע פאָרמען פון אַדיעקטיוו (וואָס איז אויסגעקומען צו ניצן) ווערן אין דעם חשבון ניט אַריינגענומען. עס זיינען פאַראַן 123 אַזעלכע צוגאָב־פאָרמען. אָבער אַפילו אַזאַ תלמיד וואָס האָט קיין שום יידיש פריער ניט געקענט, קען גרינג דורכלייענען און פאַרשטיין (ווען ער האַלט שוין ביי דער צווייטער העלפט פון ביכל) די פאָרמען: פרעגט־פרעגן־פרעג, אָדער גוט־גוטע אאַז״וו. איך רעכן אַז איך האָב דאָ קיין עוולה דעם קינד ניט געטאָן. איך האָב געניצט די ווערטער וואָס עס וואָלט געמוזט האָבן אין זיין שפּראַך, אויב עס וואָלט גערעדט נאַטירלעך יידיש.

איך האָב די גאַנצע צייט ביים צונויפשטעלן די טעקסטן געהאַט אין זינען אַן איינהייטלעכן קלאַס פון אַן ערך זיבן־יאָריקע קינדער. איך ווייס ווי

עס זיינען די פּאַקטישע באַדינגונגען אין אונדזערע שולן, אָבער אַ לערנביכל וואָס האָט קלאָרע צילן און אַ באַשטימטן דרך האָט ניט קיין אַנדער ברירה: מען מוז האָבן פאַר זיך אַ קלאָר בילד פון קאָנקרעטע קינדער אין אַ באַשטימטן עלטער.

דאָס לייען־ביכל קומט צוזאַמען מיט אַן אַרבעטסהעפט. דער אַרבעטס־העפט איז אַן אינטעגראַלער טייל פון „אין דער היים און אין שול“. אויב מען וויל האָבן אַ פּעולה, אויב מען וויל באמת אויפטאָן, מוז מען גלייכצייטיק זיך באַנוצן מיטן אַרבעטסהעפט. עס איז אייגנטלעך ניט קיין פראַגע פון אַ ברירה פאַרן לערער: יאָ אָדער ניט איינפירן אויך דעם אַרבעטסהעפט. עס גייט אין דעם, צי מען וועט אין קלאַס דערגרייכן דעם ציל. אויך דער אַרבעטסהעפט האָט אין זינען די קינדערשע אינטערעסן. דער תלמיד קען דאָ מיט אַ מינימום אָנשטרענגונג און אויף אַ שפּילעוודיקן אופן זיך צוגרייטן צום לייען־טעקסט אָדער אים איינלערנען אויף גוט צו קענען און צו פאַר־געדענקען, געדענקען די באַזונדערע ווערטער און די גאַנצע פראַזעס וואָס טרעפן זיך אין די לייען־טעקסטן. איך האָף אַז די הונדערטער בילדלעך, די שיין אויסגעשטעלטע זייטן, די פאַרשיידענע מינים געניטונגען, די אָפטע איבערחזרונגען אין פאָרמען פון טעסטן — אַז דאָס אַלץ וועט וועקן דעם קינדס נייגעריקייט און וועט זיין אַ שטויס צו טאָן די אַרבעטן מיט פאַרגעניגן.

איבער די גוואַלדיק הויכע פּרייזן אויף פּאַפּיר און דרוק איז דער אַרבעטסהעפט באַגרענעצט געוואָרן אויף 80 זייטן. קומט אויס צונויפצונעמען אינאיינעם אַרבעטן פאַר אַ צאָל זייטן פון לייען־ביכל און די לעצטע פאַר צענדליק זייטן פון דעם לערנביכל זיינען באַעוולט געוואָרן — ווייניקער געניטונגען און טעסטן פאַר זיי ווי עס וואָלט באַדאַרפט זיין. צום סוף אַר־בעטסהעפט האָב איך אויך ניט געהאַט קיין אָרט פאַר איבערחזרונגען פון דעם גאַנצן מאַטעריאַל וואָס איז פאַראַן אין לערנביכל. אפשר וועט מען קענען זיך מער דערלויבן ביי אַ צווייטער אויפלאַגע. אָבער אויף וויפל איך האָב געהאַט אין מיין רשות זייטן פון אַרבעטסהעפט, האָב איך זיך געמיט עס זאָל אַרויסקומען אָנגענעם און צוציענדיק פאַרן אויג.

לאָמיר אויך צוגעבן אַז די לערערס וואָס ווילן ניצן דעם וויזועלן מעטאָד ביים לערנען לייענען מוזן אוודאי אָנקומען צום אַרבעטסהעפט. דאָרטן האָבן מיר אויך געלייגט אַ סך אַכט אויפן לערנען שרייבן.

יעדער לערנבוך דאַרף דורכגיין דעם עקזאַמען פון לערנען לויט אים אַ געוויסע צייט אין די קלאַסן. ערשט יעמאָלט קען מען אויך קלאָר באַשטימען וואָס מען דאַרף פאַרריכטן און אויסבעסערן. בעט איך די לערערס זאָלן לאָזן וויסן זייערע מיינונגען און געבן זייערע קריטישע אָנווייזן און באַמערקונגען, כדי די קומענדיקע אויפלאַגע (און איך האָף אַז זי וועט זיין!) זאָל געניסן פון דער לערערשער פּראַקטיק און פון קאָלעקטיווער דערפאַרונג.

לסוף האָב איך די אָנגענעמע פליכט פון אַרויסזאָגן אַ ריי דאַנקען. ראשית־כל קומט אַ דאַנק דעם בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג,

וואָס האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף די הויכע קאָסטן וואָס מיט זיי איז היינטיקע צייטן פֿאַרבונדן דאָס אַרויסגעבן די צוויי טיילן פֿון דעם נייעם לערנביכל און האָט אויף זיך גענומען די שווערע הכבדה פֿון דער גרויסער אונטערנעמונג.

אַ באַזונדערן דאַנק קומט פֿריינד ב. כאַנין, דעם בילדונגס־דירעקטאָר פֿון אַרבעטער־רינג, פֿאַר זיין וואַרעמער דערמוטיקונג און פֿריינדשאַפֿט וואָס ער האָט מיר אַרויסגעוויזן די גאַנצע צייט וואָס איך האָב געאַרבעט אויפֿן פּראָיעקט פֿון ביידע ביכלעך.

אַ גרויסן דאַנק און אָנערקענונג בין איך שולדיק מיינע ביידע רע־דאַקטאָרן, די פֿריינד ז. יעפֿרויקין, דעם סעקרעטאָר פֿון פּעדאַגאָגן־ראַט פֿון די אַרבעטער־רינג־שולן, און יודל מאַרק, דעם קאָנסולטאַנט פֿאַר יידישע שולן ביים יידישן דערציאונגס־קאָמיטעט פֿון ניו־יאָרק, פֿאַרן דורכקוקן אַ פּאָר מאָל דעם מאַנוסקריפּט און פֿאַר אַן אַ שיעור קאָנסטרוקטיווע און פּאַכמענישע עצות און אָנווייזונגען. איבערהויפּט מוז איך אָנווייזן אויף דער אַרבעט פֿון פֿריינד יודל מאַרק, וואָס האָט אַוועקגעגעבן אַ שלל צייט און אַן אַ גרענעץ אויפֿמערקזאַמקייט און האָט שטאַרק מקפּיד געווען אויף איטלעכן פּרט, יעדער וואָרט, יעדער פֿראַזע, אויף יעדער לידעלע און מעשהלע.

אַ דאַנק קומט דער אילוסטראַטאָרין שיינע קנאַרינג וואָס האָט מיט אַזוי פֿיל אינטערעס און התמדה באַצירט דאָס לייען־ביכל און דעם אַרבעטסהעפֿט מיט אירע חנעוודיקע אילוסטראַציעס (די צייכענונג פֿון דעם „פּורים־שפּילער“ אויף ז׳ 93 איז פֿון אַן אומבאַקאַנטן יידישן מאָלער אין אייראָפּע). אַ האַרציקן דאַנק דעם קאָמפּאָזיטאָר מיכל געלבאַרט פֿאַר דער שיינער, אָריגינעלער מוזיק וואָס ער האָט געשאַפֿן צו די לידעלעך פֿון לייען־ביכל און צום אַלף־בית אין אַרבעטסהעפֿט (ז׳ 46).

עס איז פֿאַר אַ פֿאָטער אַ שטאָלץ אין אַזאַ פֿאַל צו דערמאָנען אויף זיין זון. איך מוז דאָ דערמאָנען מיין זון, מיין פֿרצן, וואָס האָט זיך געטריי אָפּגעגעבן מיטן טעכניש־קאָמפּליצירטן טייל פֿון אַרבעטסהעפֿט, מיטן אויסשטעלן די זייטן, אַריינקלעפּן די ווערטער און בילדלעך, און מיטן אויפֿפּאַסן אויף דער ליטאָגראַפֿישער דרוקאַרבעט פֿון אַרבעטסהעפֿט. אָן זיין הילף וואָלט איך געווען אַ פֿאַרלאָרענער.

אַ דאַנק קומט אויך דעם באַלעבאָס פֿון דער גרעניטש־דרוקעריי, בּוירני קאַממייער, דעם שריפֿטזעצער ה. קאַמערמאַכער, דעם האַנט־זעצער ה. וואַ־לאַשקין און אַלע די וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיטן פּראָדוצירן ביידע ביכלעך, אָדער ריכטיקער — ביידע טיילן פֿון „אין דער היים און אין שול“.

ניו־יאָרק, דעם 1־טן סעפּטעמבער, 1951.   י. קאַמינסקי